**וכן אנשי חצר שערבו**, אנשי חצר וואס האבן געמאכט אן עירוב, ס'איז נישט טייטש זיי זענען סמוכין על שולחן אחד, נאר זיי האבן געמאכט די פארמאלע שולחן אחד, דאס איז אז ס'איז דא איין ברויט וואס אלע זענען שותפים, מיט דעם **איז נעשו כולן כבית אחד**, הייסן זיי שוין אויך, די אלע מענטשן פון די חצר, ווי א בית אחד. און אויב זיי ווילן נאכדעם נעמען די חצר וואס איז שוין מעורב, און עס מערב זיין מיט נאך א חצר, **והן צריכין לערב עם חצר שני**, דארף מען זיי נישט ברענגען פון יעדער איינס פון די אנשי החצר א ברויט, אזוויי מ'וואלט געדארפט טון אין איין חצר, איי זיי זענען שוין מעורב, דארף מען נאר ברענגען **כיכר אחד בלבד. היא שמעליכין על הקהל למקום שמערבין בו.**

**דיסקוסיע: פת vs. כיכר**

### Speaker 2:

פארוואס האט ער געטוישט פון פת צו כיכר? איך ווייס נישט.

### Speaker 1:

ווען מ'מאכט אן עירוב וואס לייגט מען?

### Speaker 2:

איינער טארגט עס וועט אין פת.

### Speaker 1:

יא, פת. כיכר מיינט א רעטל ברויט. פת סתם, פת שלימה, א גאנצע.

### Speaker 2:

יא יא, פת אחת אדער כיכר איז א פת אחת, איך מיין ס'איז די זעלבע זאך. אפשר כיכר קען זיין נישט א שלימה, ווייל שיתופי מבואות דארף נישט זיין

קיין שלימה.

### Speaker 1:

אה, ס'קען זיין סיי וועלכע מאכלים. און דא רעדט מען פון אז ס'גייט זיין א מבוי וואס נעמט אריין די פאר חצירות. לכאורה. איך ווייס נישט, ווען מ'איז מערב צווייי חצירות אינאיינעם, הייסט עס שיתופי מבואות אדער עירובי חצירות? וואס הייסט עירובי חצירות? מ'זאגט אז ס'ווערט ווי איין חצר. די עירוב מאכט די צוויי חצירות צוזאם. מ'דארף א פת שלימה. דאס איז זיכער געווען אין די הלכה.

### Speaker 2:

אקעי, דו ווייסט אז כיכר מיינט א פרוסה?

### Speaker 1:

איך ווייס נישט צו כיכר מיינט א פרוסה. כיכר איז נאך א... ס'איז א שם נרדף פאר כיכר.

### Speaker 2:

ניין, ער האט סתם געטרייט צו זאגן א תורה, אבער אפשר פשוט איז די זעלבע.

### Speaker 1:

זייער גוט.

זייער גוט. איז דאס די חידוש, אז נישט... בקיצור, לאמיר זאגן פשוט'ן.

**הלכה ד — חמשה שגבו עירוב**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **חמשה שגבו עירוב**, פינף... אנשטאט פינף... פריער האט ער געזאגט פינף מענטשן אין איין חצר, וואס ער זאגט איז לכאורה פשוט. זיי האבן געלערנט, די הלכה גייט אזוי, די סדר ההלכה איז דא, יא? איין משפחה דארף נאר איין עירוב. א גאנצע חצר וואס איז סמוך על שולחן אחד, איז איין משפחה, דארף נאר איין עירוב. דאס הייסט, זיי דארפן נישט קיין עירוב צווישן זיך, אבער זיי גייען צו די נעקסטע הויז, דארפן זיי נאר ברענגען איין ברויט. נישט נאר איין משפחה אדער איין סמוך על שולחן אחד, אפילו סתם אזוי א גאנצע חצר האט געמאכט אן עירוב, ווערן זיי יעצט אזויווי איין הויז, שיקן זיי נאר איין ברויט. נישט נאר א גאנצע חצר, אפילו א האלבע חצר. פינף מענטשן פון די חצר האבן גובה געווען פת, און מ'גייט שפירן דעם פת צו די פלאץ, צו די חצר ווי דארטן לייגט מען די עירוב. די מענטשן וואס האבן גובה געווען די עירוב, ווייל מיר האבן יעצט פינף ברויט וואס פינף עקסטערע הייזער האבן געגעבן, **שאין מליכים, איינער צריכים להוליך על דעת חמשתן אלא כיכר אחד.** ס'איז נישטא אז אלע ברויט דארפן אנקומען צו די פלאץ וואו מ'לייגט די עירוב. ס'איז גענוג אז מ'נעמט איין ברויט. **שכיון שגבו כולם נעשו כאנשי בית אחד.** מיט'ן געבן די ברויט אליין זענען זיי שוין געווארן אזוי ווי אנשי בית אחד, און יעצט דארף מען עס נאר טראגן צו די אנדערע חצר מיט וועם מ'וויל מאכן צוזאמען די עירוב, אבער זיי דארפן נישט מיטטראגן אלע.

א פאר מענטשן, די רגע וואס א פאר מענטשן האבן אריינגעלייגט זייערע ברויט אין די, וואס איז דאס, אין די שטיקל סל, לייגט אריין די... ס'איז שוין געווארן צוזאמען.

**הלכה ה — אב ובנו, רב ותלמידיו**

### Speaker 1:

ווייטער, **האב ובנו או הרב ותלמידיו שהן שרויין בחצר**, וואס וואוינען צוזאמען אין איין חצר, אפילו זיי וואוינען עקסטערע בתים, **אינן צריכין לערוב**, זיי דארפן נישט מאכן קיין עירוב, **והן כבית אחד.** אז דא זאגט ער נישט אויב זיי עסן צוזאמען. **אפי' שכל אחד אוכל משלו ואין אוכלין במקום אחד**, אפילו יעדער עסט פאר זיך און זיי עסן נישט אין איין פלאץ, **אבל הואיל והן אב ובנו או רב ותלמידיו הרי הן כבית אחד.** אינטערעסאנט, א רבי מיט חסידים. אבער אב ובנו, דאס מיינט סיי וועלכע משפחה. למשל, ס'העפענט טו בי אז דער מאן און די ווייב, איך ווייס אז זיי לעבן זיך נישט, זיי האבן נישט קיין גוטע שלום בית, זיי האבן זיך צוויי עקסטערע קיטשענס, אבער ס'איז די זעלבע לכאורה, ווייל אב ובנו הייסט צוזאמען, ס'הייסט איין פעמילי.

**דיסקוסיע: "שרויין בחצר" — דווקא אליין**

### Speaker 1:

אה, אבער ער זאגט אז דאס איז דווקא **שרויין בחצר**, דאס הייסט אז זיי זענען די איינציגסטע אין די חצר, אזוי משמע פון די גמרא. אויב איז דא נאך, איז נישט קלאר. אזוי משמע פון די גמרא, אז די אנדערע מענטשן אסר'ן אויף זיי. דעמאלטס דארפן זיי שוין יא, אפילו צווישן זיך. זיי דארפן מאכן עירוב מיט די אנדערע מענטשן, נישט צווישן זיך.

### Speaker 2:

אה, ווייל זיי זענען נישט דווקא אוכלים במקום אחד, אסר'ן זיי אויף זיי.

### Speaker 1:

פשוט, יא, דו ביסט גערעכט.

יא, ער זאגט... ניין, ס'קען זיין די ווארט דא איז, אז נישט אפילו אמאל עסן זיי אליינס, ער קומט נישט יעדן טאג פרישטאג צום טאטנ'ס קיטשן, אבער זיין טאטע צאלט פאר זיין פרישטאג, פארשטייסט? ער איז איין בית, ער האט איין ווירטשאפט, למשל די בילס, ס'איז נישט דא קיין עקסטערע באנק אקאונט. אבער איך וויל פארשטיין, ווען דער רבי האט פריער געזאגט, אין **אדם אוסר אשתו של אדם ובניו ובני ביתו אוסרין**, האט ער געוואלט זאגן אשתו ווי עס באדארף צו זיין.

**Speaker 1:** אינטערעסאנט, א רבי מיט חסידים. אבער אב ובנו, דוקא, דאס מיינט צוויי וועלכע משפחה? למשל, העט עס צו טון אז די מאן און די ווייב, איך ווייס אז זיי לעבן זיך נישט, זיי האבן נישט קיין גוטע שלום בית, זיי האבן זיך צוויי עקסטערע קיטשענס? דאס איז די זעלבע לכאורה, ווייל אב ובנו הייסט צוזאמען, עס הייסט איין פאמיליע.

**Speaker 2:** אבער ער זאגט אז דאס איז דוקא שרויין בחצר, אז זיי זענען די איינציגסטע אין די חצר. אזוי משמע אין די גמרא, אז די אנדערע מענטשן אסר'ן אויף זיי. דעמאלט דארפן זיי שוין יא, אפילו צווישן זיך. איינער ווי די אנדערע, אויך צווישן זיך, ווייל זאל זיי נישט נאכדעם אויסערן אויף זיי. ס'איז פשוט, יא, דו ביסט גערעכט.

**דיון: וואס הייסט "אב ובנו" — וואוינען צוזאמען אדער עסן צוזאמען?**

**Speaker 2:** ניין, ס'קען זיין די ווארט דא איז אז נישט, אפילו אמאל עסן זיי אליינס, ער קומט נישט יעדן טאג פרישטאג צום טאטנ'ס קיטשן, אבער זיין טאטע צאלט פאר זיין פרישטאג, פארשטייסט? ער איז איין בית, ער האט איין ווירטשאפט, די בילס, ס'איז נישט דא קיין עקסטערע באנק אקאונט.

**Speaker 1:** אבער איך וויל פארשטיין, ווען די רמ"א האט פריער געזאגט **"שאין אשתו של אדם ובניו ובני ביתו אוסרים"**, האט ער געמיינט צו זאגן באופן ווען זיי זענען סמוכים על שולחנו יחד, ווייל דאס איז די געווענליכע פאל, אדער אפילו אן דעם?

**Speaker 2:** סאו אב ובנו, רב ותלמידו מיינט אויך די זעלבע זאך, א קאפל, א מאן און א ווייב וואס פאר סאם ריזען עסן זיי עקסטער. נו, וועגן דעם רעדט ער אב ובנו, ווייל דא מאכט זיך אמאל אזא זאך אז זיי זאלן עסן עקסטער. אז זיי וואוינען עקסטער, נישט אז זיי עסן עקסטער. א נארמאלע איש ואשתו וואוינען אין די זעלבע בית, הייבט זיך נישט אן די שאלה. דא איז, אפילו ער וואוינט אין עקסטערע בתים, אבער ס'איז אין די זעלבע חצר, און אפילו זיי זענען נישט סמוכים על שולחן אחד, דאס הייסט נישט אלעמאל, ס'איז אזוי געוועגליך, יא, א שבת קומט ער עסן ביים טאטן, א גאנצע וואך עסט ער אין זיין אייגענע קיך, איך ווייס וואס, ס'איז אזוי.

**Speaker 1:** זייער גוט.

**הלכה ו: האחים שאינם סומכין על שולחן אביהם**

**Speaker 2:** ווייטער, צוזאמען, האחים, זייער גוט. א גרופע ברידער וואס וואוינען צוזאמען, דאס איז מער קאמפליצירט. האחים, ס'איז דא ברידער וואס יעדער איינער האט זיין אייגענע הויז, **"כל אחד מהם יש לו בית בפני עצמו ואינם סמוכים על שולחן אביהם"**, זיי עסן נישט אויף די טאטע'ס, זיי זענען אלע חתונה געהאט, יעדער האט זיך זיין אייגענע ווירטשאפט. **"וכן הנשים או העבדים שאינם סמוכים על שולחן בעליהם ורביהם תמיד"**, דאס איז דיינע ווייב, יא, זיי עסן נישט צוזאמען על שולחן בעלן ורבן, **"אבל אוכלים הן על שולחנו בשכר מלאכה שעושין לו, או בטובת יום ידועים"**, א שיינע יום טוב קומען זיי ארויף, אדער ווען זיי האבן געארבעט פאר אים און זיי האבן זיך דאס פארדינט.

**Speaker 1:** ניין, די פוינט איז עסן ביי אים.

**Speaker 2:** אה, אה, אה, סארי, ער מיינט צו זאגן... אממ... סארי, דאס מיינט צו זאגן, עה, זיי עסן נישט, דאס הייסט, פארט פון זייער שכר איז אז ס'קומט אמאל א טיש וואס זיי עסן צוזאמען.

**Speaker 1:** ניין, נישט עבדים זאגט ער די שכר, אדער אויף די קינדער, בטובת יום ידועים, איך ווייס, פורים שטעלט ער צו פאר די קינדער א פארטי.

**Speaker 2:** **"כמו שהסועד אצל חבירו שבוע או חודש"**, אזוי א מענטש קען זיך אמאל אריינזעצן ביי א חבר און קרעשן אין זיין הויז פאר א וואך אדער א חודש.

**Speaker 1:** א שאד דער חבר וואלט אזוי פאר א חודש, אזוי איזי.

**Speaker 2:** איז אזוי, **"אם אין עמהם דיירים אחרים בחצר, אינן צריכין לערוב"**, דארף מען נישט מאכן קיין עירוב. ווייל דאס איז געגוג אז ס'זאל ווערן אזוי איין גרופ. אפילו זיי עסן נישט תמיד, אבער זיי זענען דאך א פעמילי, און אין... צוויי זאכן, איינס זיי זענען א פעמילי, און איינס, ס'מאכט זיך אז מ'עסט צוזאמען.

**דיון: וואס מיינט "כמו שהסועד אצל חבירו"?**

**Speaker 1:** רייט. הייסט סתם א מענטש וואס דו ביסט מוציא אז ער סועד אצל חבירו איינמאל פאר א חודש איז נישט גענוג, דאס מיינסטו צו זאגן.

**Speaker 2:** דאס איז נאר א משל וואס געבט ארויס וואס.

**Speaker 1:** פארשטייסט, איך פרעג, ער זאגט "כמו". אה, וואס איז די "כמו" סועד אצל חבירו? אפשר פארקערט, ווען איינער איז סועד אצל חבירו דארף ער נישט מאכן, איינער איז א גאסט ביי איינעם דארף ער נישט מאכן קיין... יענע שבת קיין עירוב.

**Speaker 2:** אבער א גאנץ יאר, יא, א גאנץ יאר האט ער נישט קיין שייכות ווייל איינמאל. אבער דא איז דאך א משפחה...

**Speaker 1:** רייט, אבער... וואס איז ער מסביר? איך מיין ער זאגט פארקערט.

**Speaker 2:** רייט, איך פארשטיי.

**סיכום: די פיר קאטעגאריעס פון "בית אחד"**

**Speaker 2:** בקיצור, דאס איז א קולא, יא? דאס הייסט אפילו אז ער עסט נישט צוזאמען, ער וואוינט נישט אין די זעלבע הויז, איז דאך געגוג צוויי זאכן.

ס'איז דא איינער וואס ער וואוינט אין די זעלבע הויז, פשוט אז ס'איז נישט קיין פראבלעם. דאס הייסט אפילו אויב זיי האבן עקסטערע ווירטשאפט, איך ווייס נישט, איז עס א בית אחד.

איז דא איינער וואס ער וואוינט נישט אין די זעלבע הויז, אבער ער עסט צוזאמען, א בני חצר וואס זיי פירן זיך אלעס צוזאמען, אויך איז גוט.

נאכדעם איז דא איינער וואס ער איז די זעלבע הויז און וואוינען צוזאמען, און עסן צוזאמען, אזוי דער אב ובנו, אויך איז גוט. רייט?

נאכדעם איז דא איינער וואס ער איז נישט אין די זעלבע הויז און נישט אין די זעלבע משפחה'ס, ברידער'ס, אבער זיי עסן יא אמאל צוזאמען, אפילו נישט אלעמאל צוזאמען, זיי פאסן אפ יעדע שבת סעודת שבת עסן צוזאמען, איך ווייס נישט, דעמאלטס איינער צוריכענען א עירוב. רייט?

און די זעלבע זאך, איינער צוריכענען א עירוב, און אזוי אייביג די הלכה איז אין אזא פאל, ווערט מער ווי א חצר אחרת, זיי דארפן עס אויך ברענגען נאר איין פת פון די גאנצע חצר, און ביי ווער מען וועט זיין אויף די זעלבע הלכה אז איינער נוצט די פת.

**פראקטישע אנוועדונג: א חסידישע בית המדרש**

**Speaker 1:** סאו למשל, לאמיר זאגן א חסידישע בית המדרש וואס יעדער איינער עסט יעדע וואך סעודת שבת צוזאמען, איז געהעריג אזא סארט מין, נאר אויב ס'איז נישט דא קיין אנדערע מענטשן אין די יישוב, אין די שכונה. יעדער איינער קומט צו סעודת שבת. גוים דארף מען שכירות רשות, איך ווייס נישט. אבער אידן, ווער קומט נישט צו סעודת שבת? ווער דען נישט?

**Speaker 2:** אממ... דו מיינסט צו זאגן אויב די טענה איז אז די קביעות אליין העלפט נישט, אויב מ'האט נישט קיין קביעות?

**Speaker 1:** אה, מ'האט נישט קיין קביעות, איינמאל איז געווען, דאס איז ער קען אריינקומען, איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** זאגט ער הייליגע רייד. אבער דאס איז נאר ווען נאר די פאמיליע וואוינט אין די חצר, נאר די ברידערס מיט די טאטע. אבער, דו האסט געזאגט די הלכה, ווי מ'האלט יעצט אינמיטן, אויב ס'איז דא נאך מענטשן וואס וואוינען אין די חצר, דעמאלטס העלפט נישט, ווייל דעמאלטס איז עס טאקע נישט אזוי איין פאמיליע.

מ'קען מאכן גראדע סענס, ווייל דו קענסט זאגן אזוי א זומער קעמפ, אזוי דו האסט געזאגט, וואס דארט איז די סעטינג אז יעדער איינער איז זיך עקסטער, איז זיך איין פאמיליע, און מ'וואוינט צוזאמען. אבער אויב ס'איז דא פרעמדע מענטשן אין די זעלבע חצר, דעמאלטס מאכט מען עס א חומרא אויף די גאנצע חצר, וצריך פת אחד לכל אחד כשאר בני חצר, ווייל סוף כל סוף זענען זיי זיך נישט סומך על שולחן אחד תמיד. דאס הייסט אמאל יא, אמאל נישט.

**דיון: שיטת הרמב"ם – שינה אדער אכילה?**

**Speaker 2:** סאו דאס טרייבט די מחלוקת אויף די הלכה עפעס, די רבי וועט דאס האלטן אז ס'איז נישט אמת. דער רמב"ם זאגט אז דא, אויב זיי זענען **"אוכלים על שולחן אביהם בשני בתים"**, דארפן זיי עקסטער עירובין. און מקבלי פרס, איך כאפ נישט קלאר. ס'דארף זיין א חילוק אויב ער באקומט די געלט פאר די עסן, אדער די עסן באקומט ער פון די טאטע, דעמאלטס איז עס איין זאך, אבער טאמער נישט... איך האב נישט אינגאנצן קלאר וואס די שיטה איז דא. איך מיין, דא איז עפעס א שאלה וועגן וואו מ'שלאפט עקסטער, צו מ'גייט נאך די שינה צו מ'גייט נאך די עסן צוזאמען.

**Speaker 1:** דער רמב"ם רעדט דאך פון דעם אז זיי שלאפן עקסטער.

**Speaker 2:** רייט, ער רעדט דאך אז מ'גייט נאך די עסן צוזאמען.

**Speaker 1:** רייט, עפעס איז דא א שיטה פון שמואל אז מ'גייט נאך די שינה.

**Speaker 2:** יא, דאס איז די רמב"ם'ס ישועה, אדער דארט מער דאס ספעציפיקלי, אויף דעם עסן צוזאמען נאר מזמן לזמן. מ'דארף קוקן, אקעי. מ'זעט אין א מינוט.

**הלכה ז: חמש חבורות ששבתו בטרקלין אחד**

**Speaker 2:** ווייטער. **"חמש חבורות ששבתו בטרקלין אחד"**. דו האסט א ווייס איך וואס, א האטעל, א גרויסע פאלאץ, און ס'זענען דא פינף אנדערע גרופס. איז אזוי, **"אם מפסיק בין כל חבורה וחבורה מחיצה המגעת לתקרה"**, אויב לייגט מען א גרויסע מחיצה וואס קומט אן ביז די דאך, ממש מ'צעטיילט די זאל אין אנדערע, **"הרי כל חבורה מהן כבית בפני**

**עצמו"**, ס'איז גארנישט שוין, ס'איז נאר א מחיצה וואס מ'האט יעצט געלייגט. ס'איז אן עקסטערע, אויב דאס הייסט אזוי ווי בית בפני עצמו, הייסן זיי עקסטער, **"לפיכך צריכין פת בכל חבורה וחבורה"**.

**"אבל אם אין מחיצה המגעת לתקרה"**, אויב דאס איז נישט קיין פול מחיצה, ס'קומט נישט איבער די דאך, ס'איז אזוי ווי א גרויסע קהילה, אבער מ'זאגט נישט א קליינע מחיצה פון צען אמות אדער עפעס, נאר עד לתקרה, דאס איז דא די שיעור מחיצה, **"הרי כולן כקהל אחד, שכולן כאנשי בית אחד חשובין"**.

**Speaker 1:** יא. אקעי, ווערי גוד. ס'הייסט אז ביי א שבתון, און מ'איז אין איין זאל, דארף מען עסן פון איין קיטשן, דארף מען נישט. אבער אויב איז א שאלה איז א האטעל, אבער ווי מ'זאגט, מ'גייט אריין עסן צוזאמען אין די גרויסע זאל, אבער ס'איז נישט קיין מחיצה המגעת לתקרה, כמעט נישט דא קיין מחיצה המגעת לתקרה, דעמאלטס דארף מען פאטערן אין די שיטה.

**Speaker 2:** מ'איז אין עקסטערע צימערן, בעיסיקלי. מחיצה המגעת לתקרה, די גאנצע טראקלין איז אזוי ווי אפאר מענטשן מאכן א שבת שבע ברכות אין א גרעסערע זאל וואס איז צעטיילט אין אפאר, און ס'איז דא ריקודים גלייך. אויב ס'איז א מחיצה המגעת לתקרה, איז עס אזוי ווי יעדער איינער איז אן עקסטערע פארטי, יא? און זיי זענען נישט... דארף מען האבן א שאלה אין די... צו מ'קען טראגן אין די האלוועיס צווישן די אפאר זאלן.

**Speaker 1:** דארף מען מאכן אן עירוב, יא. דארף מען מאכן אן עירוב. אויב ס'איז א שטאט, דארף מען די גאנצע שטאט, אדער אויב ס'איז אין די זעלבע חצר, אדער אויב איז דא א חצר. מ'דארף קוקן אויב ס'איז דא עפעס וואס איז דא איין וואס אמת די גאנצע הויז באלאנגט פאר אים, ווייל ס'זענען זיינע געסט, דארף מען וויסן צו זיינע געסט האבן געדונגען, און ער ערוועט פאר זיי.

**Speaker 2:** יא, אקעי.

**הלכה ח: מי שיש לו בחצר חבירו בית שער, אכסדרה, ומרפסת**

**Speaker 2:** עד כאן די הלכות פון וויאזוי מ'קען ווערן אונז צו איין משפחה אזוי ווי יעצט. ביז יעצט האבן מיר עס געלערנט וועגן מענטשן וואס זיי אסר'ן נישט, ווייל זיי זענען פארט פון די זעלבע משפחה אדער די זעלבע חצר, נישט די זעלבע חצר, סארי, די זעלבע בית כאילו.

יעצט דארפן אונז לערנען, גייען אונז לערנען די נעקסטע באנטש מהלכות, לערנען וויאזוי איז געגוג אז ס'איז איינער וואס איז יא. ווער הייסט אז דאס איז א הויז, אדער וועלכע הויז הייסט אז דאס איז א הויז וואס מאכט פאר נאך א דירה, נאך אזוי ווי א משפחה וואס ממילא דארף מען אן עירוב.

אין די חצר, אויב עס איז איין פעמילי, איין האוזהאלד, דארף נישט קיין עירוב. יעצט די שאלה, וואס טוט זיך ווען עס איז דא אין די חצר נאך מענטשן אבער איז נישט קלאר? זיי וואוינען נישט פולי דארט, אדער אנדערע סארט זאכן, איינער האט רעכט אין אן אנדערע מענטש איז חצר צו איר עשר'ט און מ'דארף יעצט מאכן אן עירוב.

**"מי שיש לו בחצר חבירו"**, אין יענעם'ס חצר האט ער א רעכט דארט, ער האט אנגעדינגען א שטיקל אדער וואס? וואס האט ער? האט א בית שער! ער האט דארט אזא הייזקעלע, זייטש בית שער! אן הויז וואס האט טירן, א הויז וואס ארומגענומען מיט טירן.

**Speaker 1:** ניין, בית שער איז, אבער בית שער, איז א טארנער זעהער זעהן אפארמאל. אמאל איז דא עפעס אזא הייזקל וואס די שומר וואוינט דארט, אבער דאס באלאנגט פאר א צווייטע מענטש. למשל, זיין הויז איז לעבן יענעם'ס חצר, און די בית שער צו זיין חצר איז אין יענעם'ס חצר.

**Speaker 2:** ניין, ניין, מיר דארף נישט האבן דעם דא אינס. בית שער איז דער שער צו די חצר. די שער באלאנגט פאר דעם מענטש. אקעי. בית שער, שרייבן דורס און בויס איז א פלאץ ווי מענטשן טרעטן. אדער גייט עס אדורך, אדער דאס איז די וועג אריין צו די חצר. יא.

אדער, א חסדה איז א פארטש, אויב מ'רפסד... אכסדרה און מרפסת איז צווויי מיני פארטשעס. אכסדרה מיין איך איז אויף די גראונד לעוועל, און מרפסת איז א צווייטע שטאק פארטש. איך מיין אזוי האב איך געהערט.

בית שער איז די שער צו די חצר. די שער באלאנגט פאר דעם מענטש. אקעי.

**בית שער שהרבים דורסים בו**, איז א פלאץ וואו מענטשן טרעטן. דער עולם גייט דארט אדורך, אלע דעיס איז די וועג אריין צו די חצר. יא.

**אדער אכסדרה**, אזא פארטש, **או מרפסת.** אכסדרה און מרפסת איז צוויי מיני פארטשעס. אכסדרה מיין איך איז אויף די גראונד לעוועל, און מרפסת איז א צווייטע שטאק פארטש.

וואס איז דער חילוק צווישן אכסדרה און מרפסת? איך לערן צו מאכן די גמרא איז עס א פארטש. אכסדרה איז אזא אפענע, אזא אפענע צימער וואס האט נישט קיין דאך. אדער ס'האט יא א דאך און נישט קיין ווענט. אקעי. און מרפסת איז יא, אז מ'דארף ארויפגיין מיט טרעפ דערויף.

**או בית הבקר**, א שטאל, **או בית התבן**, א פלאץ וואו מ'האלט תבן, **או בית העצים**, א פלאץ וואו מ'האלט האלץ, **או סתם אוצר, איז הרי זה אינו אוסר עליו**, אסר'ט ער נישט אויף די חצר. די מענטשן וואס וואוינען אין די חצר ווערן נישט געבאדערט פון דעם אז א צווייטער מענטש האט דא עפעס א שטיקל הויז, אזא סארט הויז, אין זיין חצר.

פארוואס? ווייל דאס איז נישט קיין אמת'דיגע צימער.

**הרי זה אינו אוסר עליו, עד שיהיה לו עמהם בחצר**, די אנדערע מענטש, דער מענטש וואס האט די בית שער, אסר'ט ער נאר אויב ער האט דארטן **א מקום דירה שיסמוך עליו לאכול בו פתו.** נאר אויב ער האט דארטן אין יענעמ'ס חצר ממש א דירה וואו ער קען זיך אוועקזעצן און עסן, **לאכול בו פתו. ואחר כך**, אויב האט ער אזאנס, דעמאלט **יהא אוסר עליו עד שיערבו עמו**, אסר'ט ער אין די חצר, און די איינציגסטע וועג ס'זאל זיין מותר איז אז זיי זאלן מאכן אן עירוב, און ס'זאל הייסן אז אלע וואוינען אינאיינעם אין די חצר.

**צוויי תנאים: מקום דירה און אכילת פת**

אבער במאי עסקינן? אין די זאכן, ער נוצט עס טאקע, ער גייט אדורך אדער ער האלט דארטן זאכן, אבער הואיל ואינו אוכל שם, ער עסט נישט דארטן, אסר'ט ער נישט.

זאגט ער אפילו מער, אפילו אויב ער שלאפט דארטן. **אבער א מקום לינה**, נישט וואס ער עסט נישט, אויב ער עסט איז נישט אזא סארט ווי מ'קען עסן, ער קען עסן דארט פת, אבער ער מיינט אז ס'איז א סנעק קען מען עסן עניוועי, ער גייט נישט זיך זעצן עסן א סעודה. זאגט ער, אבער **א מקום לינה אינו אוסר**, אבער א פלאץ וואו מ'שלאפט.

ס'איז אינטערעסאנט, יעצט גייט ער אפילו מער, אפילו ווען ס'איז נישט נאר א פלאץ וואו מ'איז דורכגעגאנגען, נאר אפילו אויב וואלט מען דארטן געשלאפן, **אינו אוסר. לפיכך, אם קבע לו מקום לאכול בו בבית שער או באכסדרה ובפתחו**, אפילו ער האט יא קובע געווען צו עסן באופן עראי, אזוויי ער האט געזאגט אז ער קען עסן אמאל אין די בית שער, בית אוצר, אבער ער האט יא קובע געווען, ד��ר מענטש האט זיך געמאכט א קביעות, אפילו ער האט יא געמאכט א קביעות, דאך אסר'ט ער נישט, **לפי שאינו מקום דירה**, ס'איז נישט קיין מקום דירה, ס'איז נישט קיין פלאץ וואו ער וואוינט.

אין אנדערע ווערטער, ס'איז געשטאנען אזוי, **עד שיהיה לו עמה בחצר מקום דירה שסומך עליו לאכול פתו.** ס'איז דא צוויי תנאים, ס'דארף זיין א מקום דירה, און אזא מקום דירה וואס ער קען עסן פת. ממילא, אפילו א מקום דירה, למשל א מקום לינה, מ'קען דארט שלאפן, אבער עסן גייט ער נישט, איז עס נישט אוסר. די זעלבע זאך, אפילו ער איז יא קובע מקום לאכול פתו, ער האט זיך געשטעלט זיין קיטשן, איך ווייס נישט וואס, זיין דיינינג רום טעיבל, דאך אלץ, אויב ס'איז נישט קיין דירה, נאר א בית שער, **אינו אוסר עליו.**

**דיסקוסיע: דירה דורך לינה אדער דורך אכילה?**

יא, ס'איז אינטערעסאנט, ס'איז דא צוויי וועגן וויאזוי ס'זאל הייסן א מענטש'ס בית, דורך לינה אדער דורך עסן דארט. דא זאגט ער אז לגבי שבת קוקט מען אויף די עסן. סאו ער האט אנגעהויבן מיט אויב האט ער א פלאץ וואו מ'גייט נאר דורך אדער מ'האלט נאר זאכן, אסר'ט נישט. נאכדעם זאגט ער, אפילו אין אזא פלאץ וואלט ער געשלאפן, אסר'ט אויך נישט. ס'דארף זיין דוקא א מקום דירה וואס מ'עסט.

יא, עקזעקטלי. ס'איז דא צוויי... איך ווייס, דירה מיינט נישט לינה, דירה מיינט וואוינען. אדער קענסטו זאגן אז דירה מיינט יא לינה, אבער ס'דארף אויך זיין וואוינען. איך ווייס נישט. על כל פנים, ס'איז דא צוויי תנאים, ס'דארף זיין א מקום דירה, אפשר דירה מיינט אז ער שלאפט, איך ווייס נישט, אדער וואוינט. נישט א... איך מיין לינה איז דוקא אכסדרה, אין אכסדרה וואוינט מען נישט, מ'קען דארט עסן יעדן טאג די בארביקיו, ווייל ס'איז נישט קיין פלאץ וואו מ'וואוינט, ס'איז נישט קיין פריוואטקייט וכדומה. אבער א בית שער, א בית שער אפשר למשל קען יא זיין אויב ער מאכט פון די בית העצים א פלאץ וואו ער שלאפט און ער עסט, וועט עס יא אסר'ן.

דער פוינט איז, ס'דארף זיין סיי א פלאץ וואו מ'קען וואוינען, פארדעם זאגט ער אכסדרה, בית שער, מפולש, זייער גוט, ווייל דאס זענען פלעצער וואו מ'קען נישט שלאפן, ווייל ס'איז אפן אביסל, די רבים דורסין בו. אבער א בית העצים וועט יא זיין אויב ער מאכט זיך דארט א צימערל וואו ער עסט, וועט יא זיין, הייסט עס אז ער עסט דארטן, סארי, הייסט עס אז ער וואוינט דארטן, און ס'דארף מעריב זיין.

**הלכה ט: עשרה בתים זו לפנים מזו**

איז ביז יעצט האבן מיר געלערנט וועלכע סארט בית בכלל הייסט אז דער מענטש וואוינט דארט, וואספארא תנאים דארפן זיין. די נעקסטע באנטש הלכות קען זיין נישט אזא שאלה צו ס'איז בכלל א הויז, נאר אז ס'איז זיכער א הויז, נאר די שאלה איז צו די הויז געהערט, גייט אויך צו די אנדערע הויז. ס'איז נישטא קיין חצר. ווען ס'איז דא א חצר איז זיכער אז יעדער איינער וואס האט א הויז אין דעם חצר דרייט זיך אין די חצר, ממילא הייבט זיך אן די שאלה. אבער וואס איז אויב ס'איז דא הייזער וואס זענען אפן איינס צום צווייטן, אבער נישט אלע קעיסעס וואס מיר גייען זען זענען הייסט אז זיי האבן עפעס א פלאץ, א מקום משותף. יא? ניין?

איז אזוי, זאגט ער, **עשרה בתים זו לפנים מזו**, צען הייזער וואס זענען איינס אין פראנט פון די אנדערע, אזוווי צען ספירות, שטייט נישט קיין חילוק. **הבית הפנימי והשני לו**, איז אזוי, די מערסטע מיטלסטע איינס, און דער וואס איז די נעקסטע צו די מיטלסטע איינס, **הן שניהן עושין עירוב**. זיי צוויי דארפן מאכן אן עירוב. **ושמונה בתים החיצונים**, די אכט פון די דרויסנדיגע, **אינן צריכין לעשות עירוב**.

**פארוואס די אכט דרויסנדיגע דארפן נישט**

איז ער מסביר אזוי, ווייל ווען ס'איז דא צען בתים זו לפנים מזו, אין ארדער צוצוקומען צו די מיטלסטע, מוז מען דאך אריינטרעטן, דורכוואקן די אלע אזוי צוצוקומען צו די מיטלסטע איינס. איז הויא רבים דורסין בהן, ווייל מענטשן גייען דארטן אדורך כדי אנצוקומען צו די מיטלסטע. הרי הן כבית שער, הייסט די הויז ווי א בית שער, און אזוווי מיר האבן געלערנט אז די דיירי בית שער אינן אוסרין, דאס מאכט זייער הויז ווערן אויס רשות היחיד, זייער גאנצע הויז ווערט אנגעקוקט ווי א חצר, וואס איז א פלאץ וואו מ'דרייט זיך.

**פארוואס דער נייגטער איז אוסר**

אבל אתי, אבער די איינס לעבן די מיטלסטע האט דאך אויך א פלאץ וואו מ'גייט אדורך, וואו מ'טרעט. די תירוץ איז אזוי, די מיטלסטע הויז טרעט קיינער נישט, נאר דער מענטש וואס וואוינט דארטן. איינס פאר דעם, ווי נעגטער צו די מיטלסטע, וואקן ווייניגער מענטשן. סאו די איינס פאר די מיטלסטע, ס'איז צען הייזער, יא? לאמיר זאגן די פינפטע איז אינמיטן. ס'איז נישט אינמיטן, די פנימי איז די טיפסטע, וואו מ'דארף די מערסטע אדורך גיין אנצוקומען. סאו זיין הויז וואקט קיינער נישט, סאו ער איז זיכער א רשות היחיד, כדי ארויסצוגיין דארף ער אן עירוב. ער דארף אן עירוב אויב ס'איז דא נאך איין מענטש אט ליעסט, רייט?

יעצט איז די שאלה, איז דא נאך איין מענטש? ווייל לכאורה אלע הייזער ביז אים זענען א וועג אריין, א בית שער צו זיין הויז. אבער די תירוץ איז ניין, דער תשיעי אין דורסין בו רבים, ווייל דארט גייען נאר צוויי מענטשן, צוויי מענטשן הייסט נישט דורסין בו רבים. דער תשיעי גייט נאר דער איין מענטש וואס גייט אריין אין זיין אייגן הויז, און דער מענטש וואס גייט אריין דורך צו גיין צו זיין הויז.

**פארוואס דער צענטער דארף אן עירוב**

אבל אתי, די ניינטע הויז דארף ער דאך יא אן עירוב פאר די סיבה, ווייל אין דורסין בו רבים. ס'הייסט די צענטע דארף אויך נאר וועגן דעם, רייט? ניין, די צענטע דארף פשוט ווייל די צענטע איז נישט קיין בית שער בכלל, ער וואוינט אין זיין אייגענעם. אבער ער דארף צוויי מענטשן פאר אן עירוב, רייט? אויב די אלע ניין וואלטן געווען א בית שער, וואלט קיינער נישט געדארפט קיין עירוב, ווייל ס'איז נאר דא איין מענטש וואס וואוינט דא, און ניין מענטשן זענען א וועג אריין צו אים. אבער נאר איינער וואס וואוינט אין א דירה, און אלע אנדערע וואוינען אין די חצר. א בית שער איז נישט אוסר אויב ס'איז דא איין מענטש אין א חצר, און אלע אנדערע וואוינען אין די חצר, ס'איז דארט נישטא קיין עירוב.

וויבאלד ס'איז דא די ניינטע, וואס די ניינטע איז איינס פאר, ביי אים דרייט זיך איין מענטש פלאס דער וואס איז די ווייניגסטע מענטש, ממילא דארפן די צוויי מענטשן געבן אן עירוב, דארפן מאכן אן עירוב. **לפיכך זה אוסר**, דער ניינטער מענטש אסר'ט, ער איז דער וואס אסר'ט, ווייל ער איז דער וואס מאכט עס אז ס'זאל זיין צוויי הייזער דא. **און לפיכך זה אוסר, עד שיערבו** ביז ער גייט זיין אן עירוב. אייער און זייער, דער ער מיט די מיטלסטע אדער די פנימ'סטע דארפן געבן אן עירוב, יא? שטימט? יא. דייקא.

**דיגרעסיע: קבלה — עשר ספירות**

על פי קבלה איז דא צען ספירות, יעדער איז אזוי ווי יעדער פון די מוזע, אבער נאר די ערשטע צוויי, ס'הייסט כתר חכמה, הייסט ראש שמאל ווי ס'שטייט אין עץ חיים, וועגן דעם נאר זייער... אקעי, בקיצור, נישט יעצט. ווער ס'וויל לערנען קבלה זאל קומען צו אנדערע שיעורים.

**הלכה י: שתי חצרות מיט שלשה בתים ביניהם**

גייען מיר ווייטער. יעצט גייען מיר לערנען נאך עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה. יא, אונז האבן דא א פיקטשער דערפון אפשר.

אקעי, **שתי חצרות**, ס'איז דא צוויי חצרות, און אין ביידע חצרות האבן הייזער וואס זענען אפן דערצו. **וביניהם**, צווישן ביידע חצרות איז דא **שלשה בתים פתוחים זה לזה ופתוחים לחצרות**. ס'איז דא דריי הייזער וואס זענען אפן איינס צו די אנדערע, דאס הייסט אז מ'וואקט דורך איינס צו די אנדערע, און די אלע דריי הייזער זענען אויך אפן צו די חצרות.

סאו אזוי ווי די פיקטשער דא, לאמיר פארשטיין, ס'איז דא צוויי חצרות, און אונז ווילן יעצט מאכן אן עירוב צווישן די צוויי חצרות לכאורה, יא? זיי זענען ביידע מערבים, נאר וואס דען, ס'איז דא א וועג צווישן זיי. די וועג צווישן זיי גייט אזוי, מ'גייט אריין אין איין הויז, נאכדעם צו א צווייטע הויז, נאכדעם צו א דריטע הויז, רייט? דאס הייסט, דו האסט אזוי ווי דריי, מ'דארף אדורך גיין דריי הייזער צו אנקומען פון איין חצר צום צווייטן, שטימט? יא.

**וויאזוי מ'לייגט דעם עירוב**

סאו, וואס ער זאגט איז אזוי, וואס האבן זיי געטון די צדיקים? העבירו, יא? יא. **העבירו בני חצר זו עירובן**, יא, בקיצור. **העבירו בני חצר זו עירובן דרך הבית הפתוח להם**, די מענטשן פון איינע פון די צוויי חצרות האבן געברענגט די עירוב דורך די בית וואס איז אפן צו זיי, **והניחוהו בבית האמצעי**. **וכן העבירו בני החצר האחרת**, די מענטשן פון די אנדערע חצר

האבן געברענגט אויך די זעלבע זאך, זיי האבן אויך געברענגט זייער עירוב **דרך הבית הפתוח להם והניחוהו בבית האמצעי**. דאס הייסט, ווייל יעדע חצרות וואקן דורך אין די הייזער, און יעדע האבן געטראפן די מיטלסטע הויז די פלאץ וואו מ'לייגט אראפ די עירוב.

**פארוואס די דריי הייזער דארפן נישט געבן פת**

איז אזוי, **אותן שלשה בתים אינן צריכין ליתן את הפת**, די דריי הייזער אליין דארפן נישט געבן די פת. נאר די צוויי מענטשן וואס וואוינען אין די צוויי חצרות ביי די זייטן. דארפן געבן די פת? פארוואס דארפן די מיטלסטע נישט מאכן א פת? פארוואס זאגט מען נישט אז זיי זענען אויכעט, אויב זיי ווילן קענען טראגן ארויס פון זייער הויז צו איינע פון די צוויי חצירות, דארפן זיי דארפן א פת?

די סיבה איז אזוי, מי שצריך אינו צריך, און מי שאינו צריך צריך. פאר מ'האט געלייגט ביי אים די עירוב, און די הלכה איז וואס מיר האבן געלערנט אז די פלאץ וואו מ'לייגט די עירוב איז יוצא מיטן אוועקגעבן זיין הויז פאר דעם, ער דארף נישט געבן די פת.

**הלכה: דריי הייזער צווישן צוויי חצרות — די צוויי זייטיגע זענען בית שער**

**זאגט ער, ושנים שעל צדדיו, דארף נישט מאכן קיין עירוב. פארוואס? מפני שכל אחד מהם בית שער לחצר.**

זיי האבן געלערנט אז א הויז וואס איז א בית שער, ווייל מ'טרעט אדורך, ווייל ס'איז א שארטקאט אדער וואס, ס'איז א וועג וואס מ'וואקט אדורך צוצוקומען צו די נעקסטע הויז, ער אסר'ט נישט.

סאו די איינציגסטע וואס וואלט דא געדארפט מאכן א עירוב וואלט געווען די מיטלסטע, וואס ער איז נישט קיין בית שער, ווייל מ'וואקט קיינמאל נישט ארויס אדורך, ווייל מ'קען גיין, זעט אויס ס'איז דא נאך א וועג אנצוקומען פון איין חצר צו די אנדערע, יא? אזוי אז ער האט געמאכט נאך א הילצערנעם... און די חצר איז נישט קיין בית שער'ס. איי, גוט.

וואס איז אויב ס'איז דא צוויי הייזער אינצווישן די... יא, שני חצרות, ווען די זעלבע פאל, אבער אנשטאט דריי הייזער וואס לויפן דורך צווישן די צוויי חצרות, איז דא נאר צוויי הייזער.

**הלכה: צוויי הייזער צווישן צוויי חצרות — עירוב אין דער פאלשער זייט**

**והניחו עירובין, דער האט געמאכט א עירוב בבית הפתוח להם, והניחו בבית השני סמוך לחצר האחרת**. זיי האבן נישט געלייגט די עירוב אין זייער זייט, נאר זיי האבן עס געלייגט אויף די אנדערע זייט, שטימט?

רייט, מ'האט געמאכט צוויי עירובין, די חצר א' האט געמאכט א עירוב מיט די מענטשן וואס לעבן אים און ער האט עס אריינגעלייגט אין זיין הויז, און די אנדערע חצר האט געלייגט מיט די מענטשן וואס לעבן אין זיין הויז, **איז שניהן לא קנו עירוב**. פארוואס? די עירוב האט נישט געהאלפן. פארוואס? **שכל אחד מהם הניח עירובו בבית שער של חבירו.**

**דיסקוסיע: ווי ווערט דער הויז א בית שער?**

**חברותא א':** אחרת. היות אז זיי האבן געשמועסט, די בתים זענען נאנט צו די חצר איז א בית שער. דאס הייסט, דער מענטש וואס וואוינט אין די בית פון חצר א' וואוינט אין הויז א'. ס'איז א בית שער פאר חצר א', און מ'קען נישט לייגן די עירוב אין א בית שער. א בית שער ווערט צוגעפוצט צום עירוב. און זיי האבן געלערנט אז אזויפיל האבן זיי געטון נישט א גוטע עירוב, וואס טארן די אלע פיר נישט טראגן פון איינס צום צווייטן. דא, דער עירוב ארבעט נישט. דער עירוב ארבעט נישט.

דאס הייסט, פארוואס איז עס א בית שער? די בית שער איז ווייל ער דארף אדורך גיין יענער אנצוקומען צו די נעקסטע, רייט? דאס איז א בית שער. אבער זיי האבן דאך יא געשמועסט אז זיי קענען מאכן אן עירוב. ס'איז נישט קיין חילוק, אבער דו זעסט דאך אז מ'גייט דאך דארט, ווייל דו האסט דאך געמאכט אן עירוב. וואטעווער ער האט געמאכט די עירוב, האט ער דאך געוואלט דארט אנקומען, אמת? סאו מ'גייט דארט אנקומען דורך די פריערדיגע הויז. סאו אויב ער האט געלייגט אן עירוב איין הויז אריבער, איז פשט אז די פריערדיגע הויז איז א בית שער, און זיין עירוב איז אין א בית שער קומט אויס.

**חברותא ב':** סאו ווי אזוי דארף ער עס לייגן די עירוב?

**חברותא א':** סתם אין די חצר. ער קען דאך לייגן די עירוב אויב ס'איז קאנעקטעד. זיי קענען מאכן אן עירוב צוזאמען די צוויי חצירות, אבער זיי דארפן עס לייגן אין די חצר, נישט אין די בית שער. נישט אין די ראנג וואן. אויב זיי לייגן עס אין די ריכטיגע, קען זיין אז ס'איז אויך גוט, ווייל דעמאלטס איז עס נישט אין די בית שער, פארשטייסט?

די חצר האט געלייגט זיין עירוב אין די אנדערע זייט. ממילא האט ער מיט דעם געמאכט די פריערדיגע הויז אין א בית שער. אזוי פארשטיי איך די הלכה. אזוי זעט אויס, ווייל ס'איז געווארן א בית שער דורך דעם וואס מ'האט געלייגט די עירוב אין די אנדערע זייט. ווייל נישט וואלט עס נישט געווען א בית שער. אזוי פארשטיי איך. איך האב נישט קיין קלארע ראיה אז דאס מיינט עס, אבער אזוי פארשטיי איך.

**חברותא ב':** יא, יא, אזוי זעט אויס אז מ'לערנט עס אפ. יא, ער מאכט אויך אזוי די פיקטשער.

**חברותא א':** ניין, איך מיין אז דאס איז דאך וואס איך פארשטיי. איך וויל נאר וויסן צו דאס איז טאקע וויאזוי ס'איז געווארן א בית שער. אלמלא געלייגט די עירוב דארט. אזוי ווערט עס א בית שער.

**חברותא ב':** פארוואס זאל עס זיין א בית שער? עס הייסט דאך א בית. וואס איז געווארן א בית שער?

**חברותא א':** שטייט דאך צו זאגן, מ'האט געבויט אויף די פריערדיגע הלכה, אז אויב מ'גייט דארט אדורך, הייסט עס אויס הויז, הייסט עס א בית שער. ער זאגט דאס, ווי א רוב האבן דרך א בית סתירה פאר דעם, און מיט דעם מאכט ער עס פאר א בית שער. זייער גוט.

**חידוש: בית שער איז א לומדות, נישט נאר א פאקט**

אין אנדערע ווערטער, בית שער איז נישט א פאקט. ס'איז דא אזא זאך א פאקט א בית שער, א הויז וואס איז געבויט פאר דעם, אבער אויך האט אזוי ווי מיר האבן געלערנט פריער ביי די תשעה בתים, בית שער איז א לומדות. אויב ס'איז אזא הויז וואס מ'נוצט אנצוקומען צום נעקסטן הויז, הייסט דאס א בית שער, און עס דארף שוין קיין עירוב. אקעי.

**הלכה: גוסס אסר'ט אויף בני החצר**

איז יעצט גייען מיר לערנען וועלכע סארט מענטשן אסר'ן מיט דעם וואס זיי האבן א הויז אין די זעלבע חצר.

איז אזוי, איך האב אין מיין חצר שוכן א גוסס, ער איז א גוסס, ער איז שוין קרוב למיתה. **אפילו איינער שאינו יכול לחיות בו ביום**, אפילו ער גייט נישט קענען סורוויווען די שבת, ער גייט נאך שטארבן אויף שבת, וואלט איינער געטראכט אז ער אסר'ט נישט, ווייל ער איז שוין אויף זיין וועג ארויס. אבער די הלכה איז נישט אזוי. **הרי זה אוסר על בני החצר**, ווייל למעשה, ווי לאנג ער לעבט נאך, אפילו א האלבע שבת, אסר'ט ער אויף די בני החצר. **עד שיזכה לו בפת**, מ'דארף אים מזכה זיין מיט פת ווי רב יוסף.

**דיסקוסיע: פארוואס וואלט מען געטראכט אז א גוסס אסר'ט נישט?**

**חברותא א':** וואס האט ער געמיינט? א גוסס איז טויט? וואס איז די דין פון א גוסס? די דין איז אזוי ווי ער איז טויט.

**חברותא ב':** די ווארט דא איז "אחד שאינו יכול לחיות בו ביום", אז יענער וועט נישט זיין דארט א גאנצע שבת. מיר האבן שוין געהאט בעצם די הלכה אז איינער אסר'ט אפילו אויב א האלבע שבת אסר'ט ער. ביי די יורשים האסטו אויך געזען די זאך, אז א האלבע שבת איז גענוג צו אסר'ן. איך מיין, דאס איז די דיוק דא, אז א האלבע שבת אסר'ט.

**חברותא א':** קוק נישט נאר וויאזוי ס'איז געווען בין השמשות.

**חברותא ב':** נישט פארקערט, בין השמשות לעבט ער דאך.

**חברותא א':** יא, אבער איך זאג סתם פעלער ווען ס'איז פארקערט, ווען אינמיטן שבת גייט אנקומען דער בעל הבית אין די חצר. אסר'ט עס אויך, ביידע וועגן. אויב ס'איז נישט גאנץ שבת א רשות היחיד, מ'אסר'ט עס, און מ'דארף אן עירוב.

**חברותא ב':** יא, אבער ס'זעט אויס... עגעין, בסדר. באט וואס... א גוסס זעט מיר נישט אויס איינער וואלט טראכטן... עגעין, נעמסט מיר אמת'ע שבת, דארף מען טראכטן, האבן מיר עס שוין געלערנט אביסל, וועלן מיר לערנען ווייטער וואס געשעט. אבער א גוסס לעבט, וואס איז די חילוק?

**חברותא א':** קען מען אים ציילן צום מנין? וואס איז ראנג מיט א גוסס? ער האלט אינמיטן שטארבן, סאו וואט? פארוואס זאל מען טראכטן צו זיין א גוסס? ער איז מערסטנס פרענגליך, אבער וועלכע הלכות קוקן אונז אן א גוסס ווי ער איז שוין נישט דא?

**חברותא ב':** יא, ס'איז נישטא קיין שום הלכה וואס איך ווייס אז א גוסס איז שוין... קען זיין אז ווייל ס'איז שווער, איך זע אז ס'שטייט דא "עד שיזכה לו בפת". קען מען מסתמא ביי א גוסס נישט מאכן א זכיה לעדים שלא בפניו. מיר האבן געלערנט אז מ'קען מאכן זכיה שלא בפניו. דאס זאגט ער, גיי געדענקסט אז דאס איז נישט די נארמאלע וועג, דאס איז א בדיעבד, אזוי זעט אויס פון די רמב"ם. ס'איז מ'קען, אבער די נארמאלע וועג פון מאכן איז מ'תובע פת, און ווען דער גוסס קען מען נישט בעטן קיין פת. סאו, וויבאלד ס'איז שווערער, וואלט א מענטש געטראכט אז אפשר דארף מען נישט. אזוי סאונדט עס צו מיר.

**חברותא א':** אבער וואס איז דא די עצה פון מ'זאגט אז מ'מאכט א פת?

**חברותא ב':** אן אנדערע עצה, מ'קען טאקע. סאו דאס איז די ריזן פארוואס מ'זאל טראכטן אנדערש, ווייל איך זע נישט, איך טראכט נישט פון קיין איין הלכה וואס א גוסס... אפשר א כהן דארף ארויסגיין ווייל ער קען שטארבן. איך ווייס נישט אז א גוסס איז אזא גדר אז ער האט שוין נישט קיין דין פון א מענטש. א גוסס?

**חברותא א':** אקעי.

**הלכה: קטן אסר'ט אויף בני החצר**

**"וכן קטן".** א קטן, א קליינער. **"אף על פי שאינו יכול לאכול כזית".** א קטן וואס וואוינט אליין אין א הויז, און ס'איז דאך שייך, איך ווייס, א קטן האט דאך נישט קיין בעלות. אקעי, יא, ער וואוינט דארט. די גאנצע הלכה האט נישט מיט ownership. ער איז אליין דארט אויף שבת. **"אף על פי שאינו יכול לאכול כזית"**, אפילו ער איז א קינד וואס קען נאכנישט עסן א כזית.

**דיסקוסיע: די שותפות אין פת ארבעט אפילו ווען דער קטן קען נישט עסן**

**חברותא א':** ער הייסט דאך בעלות.

**חברותא ב':** ניין, מ'זאגט נישט אז כאילו ווייל זכיה אין די פת ארבעט עפעס נישט פאר אים. מ'קוקט נישט אן ווי ער ווערט בעל הבית ווייל ער האט אויך רשות אין די פת, ער גייט נישט עסן פון די פת. דאך ארבעט עס. און מ'דארף אים מזכה זיין. אזוי אז ער איז בכלל נישט נוגע אין די פת, ער איז בכלל נישט גע'אסר'ט.

**חברותא א':** יא, ער איז גע'אסר'ט, און ס'גייט מיר נישט אן אז ער קען נישט למעשה עסן. ס'איז א פארמאליטעט, ער ווערט אריין א שותף אין די פת, און מ'קען מעריב זיין, איז אסר'ט ער אויך.

**חברותא ב':** ס'איז אזוי, ווען נישט די סאלושן וואלט מען ווען נישט גע'אסר'ט, איז אזוי ווי... דאס קען זיין אויך די ענטפער פאר די גוי'ס. אז איינער האט געטראכט, אה, ביי די גוי'ס האב איך נישט קיין סאלושן, איך קען דאך אים נישט גיין בעטן א פת. זאגט ער, ס'איז יא דא א סאלושן, מ'קען אים מזכה זיין א מיל, אסר'ט ער.

**חידוש: די נושא פון עירוב חצרות איז פארבונדן מיט עסן**

**חברותא א':** מ'קען זאגן פשוט'ער, אזוי וויבאלד אז וואוינען האט צו טון מיט עסן, אבער דאך ווייסן מיר אז מ'דארף אנהייבן צו נעמען... די שותפות איז מיט פת.

**חברותא ב':** עקזעקטלי, סא איינער וואס עסט נישט, זעסטו פון דעם וואס די עצה איז די משתתף זיין מיט פת, זעסטו אז די נושא איז דא אז מ'עסט דא, יא? אזוי ווי מ'זאגט נעפרי. א קטן, ער איז נישט קיין עסער, אפשר איז ער נישט קיין מענטש? די תירוץ איז יא, און מ'דארף מאכן אן עירוב, און דאס איז גענוג. די עירוב העלפט, סיי אויף די קטן, סיי אויף די גוי'ס.

**הלכה: אורח (גאסט) אסר'ט נישט**

די רמב"ם, וועלכע נאך מין מענטש? אבער א אורח, אין איין הויז איז דא א אורח, ער איז דער גאסט פון איינעם פון די בעלי בתים. איינער עסט לעולם, ער אסר'ט נישט, ווייל ס'הייסט אז ווי ער וואוינט, ער איז בטל צו דער מענטש ביי וועם ער איז א גאסט.

**דיסקוסיע: אורח אין אן אייגענעם הויז**

**חברותא א':** אדער אפילו ער וואוינט אין אן עקסטער הויז, דאס דארף איך וויסן. אויב ער וואוינט אין אן עקסטער הויז, אבער דער בעל הבית פון די הויז איז יא א שותף, דער בעל הבית פון דארט איז יא איינער פון די משפחה. אדער איז ער נישט דא? איז ער נישט דא? נאר דא א אורח.

**חברותא ב':** ניין, ער זאגט מיין איך, א אורח, אויב אפילו ער וואוינט אליינס אין א הויז, און דו ביסט געגאנגען צו איינעם, איינער האט דיר געגעבן זיין הויז אויף שבת, דו ביסט א גאסט, ס'איז נישט דיין הויז, ביסטו בטל פאר די רעסט פון די חצר, כלפי די... אזוי זעט מיר אויס.

**פראקטישע נפקא מינה: עירוב כללי**

ס'איז דא טאקע א מחלוקת אחרונים, זע איך, וועגן דעם אונטן, וועגן די שאלה, א אורח וואס איז נישט אין א פלאץ וואס איז געשערט. מ'האט דאך נישט די שאלה, ווייל אונז מאכן מיר עניוועיס, אזוי ווי די תרומת הדשן ברענגט, אז מ'מאכט א עירוב כללי, מ'איז מזכה פאר ווער ס'איז דא.

**חברותא א':** ניין, ס'איז פאני, אזוי ווי מ'מאכט א עירוב ערב פסח, פארוואס מאכט מען די עירוב נישט יעדע וואך? דו מאכסט א עירוב יעדע וואך? דו האסט א עירוב?

**חברותא ב':** ניין.

**חברותא א':** וואס מאכט מען יעדע וואך? די עירוב חצרות? איך מיין אז דער מנהג איז צו מאכן איינמאל א יאר, ניין?

**חברותא ב':** יא.

**חברותא א':** סאו, איך פרעג דיר, און עס ארבעט אייגנטליך מיט זכין לאדם, עס מזכה יעדן איינעם וואס גייט דא זיין דאס יאר. אזוי, זייער גוט, ס'איז אביסל א חידוש פון א זכי, ווייל מ'איז מזכה פאר אלע מענטשן און זייערע געסט. אויב א גאסט דארף נישט א עירוב איז גרינגער. וויאזוי ארבעט עס טאקע די מצה וואס מ'האט געוועזן?

**דיגרעסיע: מנהג עירוב חצרות איינמאל א יאר**

**Speaker 1:** פארוואס מאכט מען אן עירוב נישט יעדע וואך? דו מאכסט אן עירוב יעדע וואך? וואספארא עירוב? דו מאכסט יעדע וואך? די עירוב חצרות?

**Speaker 2:** איך מיין אז דער מנהג איז אז מ'מאכט איינמאל א יאר.

**Speaker 1:** יא. סאו, מ'זאגט אז מ'איז מזכה לכל אדם, אז ווער עס גייט נאר זיין דא יעדן איינעם וואס גייט דא זיין דעם יאר.

**Speaker 2:** אזוי, זייער גוט. ס'איז אביסל א חידוש פון א זיכוי, אבער מ'איז מזכה פאר אלע מענטשן און זייערע געסט.

**Speaker 1:** פארוואס א גאסט דארף נישט, די עירוב איז גרינגער. ביז אהער איז טאקע די מצה וואס מ'מאכט די עירוב, מ'דארף זיין פריש א גאנץ יאר, מ'דארף טוישן די מצה.

**Speaker 2:** פארוואס מאכט מען עס מיט א מצה?

**Speaker 1:** אבער דאס עסן, איך ווייס נישט, א האלב יאר אוועק איז עס נאכנישט קאלע געווארן?

**Speaker 2:** מצה ווערט נישט קאלע. מ'דארף עס באטראכטן. לויט די היינטיגע סטענדערדס, קיינער וואלט נישט געגעסן אן אלטע מצה. איך ווייס נישט, אויב ס'איז אין די באקס און ס'איז פריש.

**הלכה: פארוואס דארף אן אורח נישט עירוב — דער חילוק צווישן אורח און קטן**

**Speaker 1:** אז על פנים, טייטשטו אז די נקודה פון די חצר, פון די אורח, יא. אבער לכאורה, פשוט פשט איז אז אן אורח, אפילו ווען ער האט יא א הויז, אבער ס'איז נישט זיין הויז.

**Speaker 2:** יא, נאר בעלות אסר, נישט זיצן דארט. מ'דארף פארשטיין וואס איז די חושן משפט'דיגע בעלות.

**Speaker 1:** אבער דער אורח איז דער אורח פון די חצר אדער פון איינער פון די בעלי בתים.

**Speaker 2:** יא, ס'איז אין די עירוב. ווייל דער קטן האט נישט מדאורייתא קיין בעלות, יא.

**Speaker 1:** אפשר יא. מ'זעט דא כאילו אז ס'האט נישט צו טון מיט וואו ס'זעט אויס. ס'האט צו טון מיט בעלות, אבער אויך נישט. קטן ווערסוס אורח, יא. א מענטש וואלט געטראכט אז דער אורח איז אסאך מער אן ענין אין זיין הויז ווי א קטן, ער האט נישט קיין ענין אין זיין הויז בכלל. אבער דער קטן איז זיין הויז, דער אורח נישט.

**Speaker 2:** אבער ער האט א חלק הדירה.

**Speaker 1:** איך זאג דיר, ס'מאכט סענס. אן אורח איז א גאסט, ער איז וואטעווער די עירוב פון די חצר איז, ער איז בטל דערצו, ער איז טפל דערצו. א קטן, אויב ער האט זיין אייגענע ווירטשאפט, איז ער זיין, איז ער.

**הלכה יג: אחד מבני חצר שהניח ביתו והלך ושבת בחצר אחרת**

**Speaker 1:** אקעי. יעצט וואס איז מיט א מענטש גייט אוועק, פארט אוועק אויף שבת, און ער לאזט איבער זיין הויז ליידיג. די שאלה איז צו דעמאלטס הייסט ער אוועק, און מ'דארף אן עירוב פאר אים.

**אחד מבני חצר שהניח ביתו והלך ושבת בחצר אחרת, אפילו סמוכה לחצרו.** ער איז געגאנגען ערגעץ אנדערש אויף שבת, אפילו סמוכה לחצרו. אויב איז דא צמחים אין חצר, איז אזוי, **אם הסיע מליבו**, אויב ער איז מסיח דעת געווען, ער האט אויפגעהערט טראכטן פון די חצר, **על דעת לחזור לביתו בשבת זו**, ער פלאנט נישט אהיימצוקומען, **הרי זה אינו אוסר עליהם**, ס'הייסט אזוי ווי ער וואוינט נישט דא, אויף די שבת וואוינט ער נישט דא.

**דער חילוק צווישן איד און גוי — „במה דברים אמורים בישראל"**

דער רמב"ם זאגט, **„במה דברים אמורים בישראל"**, ביי א איד וואס דארטן וואו ער גייט שבת, דארטן מאכט ער זיך באקוועם, שבת איז ער נישט "מאבייל", ער פארט נישט ארום שבת. **אבל גוי, אפילו הלך רשותו בעיר אחרת** וועט נישט העלפן, אפילו ער איז געגאנגען ווייט אין אן אנדערע שטאט, **אוסר עליהם, עד שישכור ממנו מקומו**, ביז מ'דינגט פון אים די פלאץ, אזוי ווי מ'האט געלערנט פריער אז פון א גוי דינגט מען. פארוואס? **שהרי אפשר יבוא בשבת**, א גוי טראכט מען אז ער וועט יא אנקומען אויף שבת.

ס'איז אינטערעסאנט, מ'רעדט דא אפילו ווען ער מוז נישט גיין א תחום שבת אדער וואס. אבער א איד, שבת איז א גאנצע זאך, ער גייט אוועק אויף שבת, ס'איז א געוויסע החלטה, מ'טוישט נישט. משא"כ א גוי, שבת איז ביי אים אזוי ווי יעדן טאג, און ער גייט, ער קומט.

**דיסקוסיע: פארוואס העלפט נישט הסח הדעת ביי א גוי?**

**Speaker 2:** רייט, אבער קען דאס נישט טייטשן הסח הדעת? אויף ער פלאנט צוריקצוקומען נאך דאס, איז דאך די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** מ'פרעגט אים, זאגט ער, "איך בין געפארן אויף שבת צו מיין שווער". אבער ביי א גוי האט ער נישט קיין הסח הדעת, ווייל א גוי האט נישט אזא זאך ווי מ'גייט זיין אויף שבת. א איד האט, מ'גייט ערגעץ אויף שבת, שבת איז א פלאץ וואו דארטן וואו מ'איז איז מען. א גוי איז אייביג ער גייט, ער קומט, ער פארט, ער קען זיך באמיינען אין א וויילע עפעס.

**דיסקוסיע: צי איז דאס א פראקטישע הלכה?**

**Speaker 2:** ס'איז דאך דאס א פראקטישע הלכה. אויב איז אזוי די דרך, אויב איז יא די דרך אז דער מענטש קומט נישט צוריק, קען מען יא דארפן.

**Speaker 1:** אדער איך האב געטראכט אז אפשר וויבאלד אז דער איד ווען ער קומט צוריק האט ער נישט געקענט טראגן אין זיין אייגענע הויז, וויל ער נישט צוריקקומען. ס'איז נישט קיין חילוק תחום אדער עפעס, אבער ער קען נישט צוריקקומען ווייל ער דארף אן עירוב, און ער האט נישט געלאזט קיין עירוב אינדערהיים. ס'איז וועגן דעם קומט ער נישט צוריק, ער גייט נישט קענען טראגן.

**Speaker 2:** מ'דארף וויסן, אבער ס'קען זיין, למשל, אויב ער איז הסיע מליבו, אפילו אויב ער איז צוריקגעקומען האט ער געמעגט טראגן ווייל... ער דארף אן עירוב, דעמאלטס דארף ער זיכער אן עירוב. ער וועט יא דארפן לכאורה. ס'קען זיין אז אויב ער איז הסיע מליבו, דאס מאכט אויס אז ער איז נישט דא, ער איז נישט דא פאר די אנדערע מענטשן.

**Speaker 1:** יא, אויב ער קומט נישט צוריק, אויב ער קומט יא צוריק איז דאך כל ישראל. דאס איז נישט קיין חילוק. אבער ס'זעהט אויס פון אונטן דא אז ס'איז א פראקטישע זאך, מ'רעכנט זיך. אזא זאך וואס סתם אזוי גייט ער נישט צוריקקומען.

**דיסקוסיע: „ההולך לשבות בעיר אחרת" — נאנט אדער ווייט?**

**Speaker 2:** אקעי. וואס איז אויב ער רעדט... ער זאגט **„ההולך לשבות בעיר אחרת"**, רעדט מען אויך ווען ס'איז נאנט, ער קען צוריקקומען. אויב ס'איז ווייט און פראקטיש גייט ער נישט צוריקקומען...

**Speaker 1:** מיט א גוי, יא. אויב ער איז געפארן אויף אן אנדערע... ס'איז זייער ווייט... **„לשבות בעיר אחרת"** מיינט אן אנדערע שטאט, אבער נאך אלץ איז עס אין די געגנט וואו ער קען צוריקקומען. אויב ס'איז א גרויסע... ס'איז כמעט נישט שייך ער זאל צוריקקומען, דעמאלטס רעכנט מען זיך נישט מיט אים.

**הלכה יד: בעל חצר שהשכיר בתים שבחצרו והניח כלים**

**Speaker 1:** אקעי, יעצט דארף מען וויסן וואס איז אויב איינער האט פארדינגען זיין הויז פאר א צווייטן. נישט א גאסט, ער האט עס פארדינגען. א שוכר.

**„בעל חצר שהשכיר בתים שבחצרו"**, אין זיין חצר האט ער הייזער, און ער האט פארדינגען **לאחרים**. אבער ער האט איבערגעלאזט אין די הייזער זאכן וואס באלאנגען פאר אים. ס'איז דאך געווענליך זעהט אויס אז דער משכיר נעמט ארויס אלעס און ליידיגט אויס די הויז, און מיט דעם ווייזט ער אז נאר דער נייער מענטש וואוינט דארט. אבער ער האט איבערגעלאזט **כלים או מיני סחורה בכל בית מהן**. ער האט איבערגעלאזט זיינע זאכן. ס'טייטש, ס'זעהט אויס ווי אזא "short term rental" וואס ער האט ארויסגעדינגען, אבער ער האלט נאך דארטן זיינע זאכן.

**Speaker 2:** ניין, איך וואלט געזאגט אזוי ווי א מענטש נעמט אריין איינעם אין זיין הויז, אבער ער האט נאך אלעס דארט. נישט אזוי ווי איינער וואס האט א "rental" וואס איז ליידיג און נאר יענעמ'ס זאכן ליגן דארט.

**Speaker 1:** **„אינם אוסרים עליו"**, די מענטשן וואס האבן געדינגען אסר'ן עס נישט, און ס'הייסט נאך אלץ אזוי ווי א הויז וואס באלאנגט פאר איין מענטש, און אויב דער מענטש האט מערב געווען איז גוט. פארוואס? **„והוא שיש לו תפיסת יד בכל בית מהן"**, ער האט דאך נאך א תפיסת יד, ער האט נאך א שייכות דארט דורך זיינע זאכן וואס ליגן דאך דארט, זיינע

זאכן. ער קומט אייביג אויפפיקן, טראגן, ברענגען זיינע זאכן. דאס מאכט אים נאך אלץ באלאנגען אין די הויז. איז וואס זענען די מענטשן? די מענטשן זענען **"נעשו כמי שהם אורחים אצלו"**, זיי צאלן אים געלט צו קענען איינשטיין ביי אים. ער קוקט עס נישט אן ווי ס'איז יעצט געווארן זייער הויז, ווייל אויב ס'איז געווארן זייער הויז וואלט ער זיך נישט געמעגט דרייען דארט. דאס וואס ער דרייט זיך דארט, אדער עס ליעסט אז ער האט די רעכט זיך צו דרייען דארט, מאכט אים ווי ער בלייבט ווייטער דער בעל הבית, און די מענטשן וואס וואוינען דארט זענען זיינע אורחים.

**דער רמב"ם'ס חילוק: נאר ווען ער האט איבערגעלאזט זאכן שאסור לטלטלן**

דער רמב"ם, **"במה דברים אמורים? שהניח שם דבר שאסור לטלטלו בשבת, כגון טבל"**, כגון טבל וואס איז אסור, ער האט געלאזט דארטן זאכן וואס מען טאר נישט מטלטל זיין, למשל טבל וואס מיר האבן געלערנט אז דו מעגסט מחמת גופו ווייל ס'איז נישט ראוי פאר גארנישט ווייל מען טאר נישט שבת מעשר'ן, אדער **והשוש"ה**, א גרויסע שטיק מעטאל וואס מען טאר נישט מטלטל זיין שבת, למשל א כלי שמלאכתו לאיסור, איז דאך דא וועגן וואס מען מעג מטלטל זיין לצורך גופו ולצורך מקומו, אבער זאכן וואס ער טאר נישט אוועקרוקן, מיט דעם מאכט ער זיכער אז גאנץ שבת ליגט נאך זיינע זאכן אין די הויז, ער האט נאך א תפיסת יד.

אבער אויב איז געבליבן אין די הויז נאר **כלים שמותר לטלטלן**, דעמאלטס קוקט מען עס נישט אן ווי ער בלייבט נאך אלץ דער בעל הבית און זיי זענען אורחים. פארוואס? **הואיל ואפשר שיוציאם היום ולא ישאר לו שם תפיסת יד**, ס'איז דאך שייך פאר אים ארויסצונעמען זיינע זאכן אויף שבת און ער זאל גארנישט איבערבלייבן אין די הויז, **הרי אלו אוסרין עד שיערבו**, דעמאלטס קוקן זיי יא אן די שוכרים ווי זיי ווערן די נייע בעלי בתים, אסר'ן זיי ביז זיי מאכן די עירוב.

**דיסקוסיע: די נאטור פון תפיסת יד — פראקטיש אדער למדנ'יש?**

**Speaker 2:** ס'איז אן אינטערעסאנטע הלכה, ווייל ער האט די מעגליכקייט. מען דארף טראכטן, למשל אויב האט ער א טויזנטער חפצים, ער דארף א "מאווינג טראק" פאר דעם, וואלט עס געווען אנדערש? אדער ווייל ער וואלט טעקניקלי געקענט? אפשר איז נישט קיין טעם אויסצוטלטל'ן אזויפיל מיליאנען, מען טאר נישט א גאנצן אוצר? ער כאפט אן טבל והשוש"ה, ווייל ער האט די רעכט צו, ווייל ער קען טעקניקלי עס ארויסנעמען. ס'איז אן אינטערעסאנטע הלכה. ס'איז אן אופן וואס ס'בלייבט אים תפיסת יד אין די... אבער ס'בלייבט דאך דא תפיסת יד.

**Speaker 1:** נאר אונז זאגן אז ס'הייסט נישט תפיסת יד ווייל ער האט די "פאטענשל" עס ארויסצונעמען, ער האט די רעכט עס ארויסצונעמען.

**Speaker 2:** פרעג איך, ער האט איבערגעלאזט א גאנצע פולע הויז מיט זאכן. ס'איז פארקערט, ס'באלאנגט נאך אים. אויב ער נעמט עס ארויס, איז דאס וואס גייט עס ארייננקומען און ארויסנעמען און גייט עס רענען?

**Speaker 1:** אזויווי דו זעסט דאך יעצט אז זאכן וואס ער קען נוצן שבת, ס'העלפט נישט. ווייל תפיסת יד זעט אויס נישט א פראקטישע זאך אז ער גייט עס ארויסטראגן, ס'איז מער אזוי א למדנ'ישע זאך. אז ער גייט נישט אינגאנצן איבער די הויז.

**Speaker 2:** רייט, ער האט נאך פארט פון די...

**Speaker 1:** יא, אבער דאס אז ער קען, הלכה'דיג קען ער, אבער עס גייט אים דויערן צען שעה אויסצופאקן זיין גאנצע ספרים שאנק מיט זיינע אלע קלאזעטס, פארוואס זאל דאס נישט הייסן אז ער מאכט געגוג תפיסת יד?

**Speaker 2:** אה, איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** איך מיין אז וועגן דעם זעט אויס אז די ווארט איז, ווייל אין לאנדס קען ער פארלירן זיין תפיסת יד אויף שבת, ווייל ער קען עס ארויסנעמען. די שאלה איז, פארוואס זאל מען אונז זאגן אזוי? פארוואס ווייל ער קען פארלירן זיין תפיסת יד זאל מען אונז זאגן כאילו ער האט עס שוין פארלוירן?

**Speaker 2:** איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** אקעי. דאס איז די פוינט, ס'איז נישט אז ער האט עס שוין פארלוירן. אזא זאך וואס איז נישט סטאק דארט, ס'איז נישט דיינס, דאס הייסט נישט תפיסת יד. לגבי דאס, אגב, אפשר איז דא אנדערע הלכות וואס מאכן א חילוק. אבער לגבי שבת, אז דו זאלסט זאגן אז דו שטייסט דא אין מיין הויז, און דערפאר ביסטו א סוחר, וואס איז א געהעריגער סוחר, און ס'גייט אריבער צו אים די בעלות כאילו, אזוי ווייט נישט.

**איבערגאנג: הלכות ווען מ'האט נישט געמאכט א עירוב**

**Speaker 1:** אקעי, עניוועיס, דאס עד כאן איז די הלכות וואס רעדן זיך וועגן ווועלכע סארט מענטש אדער בית ווערט אסר'ט. יעצט גייט מען לערנען די גאנצע נעקסטע, איך מיין די רעסט פון די פרק אדער מער וויניגער, רעדט מען הלכות וואס אויב מ'האט נישט געמאכט א עירוב טאקע, מ'האט פארגעסן אדער מ'האט, איך ווייס, ס'איז נישט קיין חילוק ברמת השכחה, אבער מ'האט נישט געמאכט א עירוב, דארף מען וויסן וואס מעג מען טון. דאס הייסט, ווי סאך הייסט וואס גייט מען מעגן טון? ס'איז דא אפאר זאכן וואס מ'מעג יא טראגן, אדער פיינער וואס מ'מעג אפילו אן א עירוב. דארף מען לערנען וואס הייסט פארט פון די חצר, אדער פארט פון די הויז, וכדומה. ווייל די הלכה איז דאך נישט קיין רשות. די גאנצע חצר איז עניוועיס א רשות היחיד. אויב ס'איז דא א פלאץ וואס באלאנגט פאר מיר בתור מיין הויז, איז הייסט פארשטייט זיך אז איך קען אריבערגיין פון מיין הויז. דארף מען וויסן די אלע פרטים וואו באלאנגט יעדע שטיקל.

**Speaker 2:** אויב ס'איז דא א וועג אז אין די חצר זאל הייסן מיר זענען פלאץ, יא? דאס איז די...

**Speaker 1:** רייט. **אנשי חצר ששכחו ולא עירבו**, זיי האבן נישט געמאכט א עירוב, זיי האבן פארגעסן, איז ווייסן מיר די הלכה אז איינמאל צו מבטלין רשותן. ולא חצר לבדים... דאס איז די איסור חכמים אז מ'טאר נישט טראגן אין די חצר פאר מ'מאכט אן עירוב.

**Speaker 2:** אה, ווייל וואס מעגן זיי יא? ס'איז נישט קיין חילוק שכחי, אמת. לכאורה ולא ערובי... סתם אזא איז אויך די זעלבע זאך, ניין?

**הלכה טו — אנשי חצר ששכחו ולא עירבו: מטלטלין כלים ששבתו בחצר**

**Speaker 1:**

מ'דארף וויסן די אלע פרטים, וואו באלאנגט פאר יעדע הויז שטיקל? אויב ס'דארף זיין א וועג אז אין די חצר זאל הייסן מיר זיין פלאץ, יא? דאס איז די...

**אנשי חצר ששכחו ולא עירבו** – זיי האבן נישט געמאכט אן עירוב, זיי האבן פארגעסן. איז ווייסן מיר די הלכה אז איינער טראגט פון בתים לחצר און פון חצר לבתים, דאס איז די איסור חכמים אז מ'טאר נישט טראגן אין די חצר פאר מ'מאכט אן עירוב. אבער וואס מעגן זיי יא? ס'איז נישט קיין חילוק שכחו, א מבוי שלא עירבו סתם אזוי איז אויך די זעלבע זאך, ניין? וואס איז דא די הלכה וואס נאר אויב זיי האבן עס פארגעסן? אפשר איז געוויסע קהילות וועט זיין נאר וועגן שכחו? אויב זיי האבן געמאכט במזיד און נישט געמאכט אן עירוב וועט מען נישט מתיר זיין? ווייסט מען נישט, ער זאגט נישט. פאני. מ'האט נישט געזען אזא זאך, ווייל פראקטיש, א נארמאלע חצר מאכט אן עירוב, וועט דאך א אידישע חצר. ווייס איך נישט.

אקעי, אבער וואס מעגן זיי יא טון? **זיי מעגן מטלטל זיין אין די חצר, מטלטלין כלים ששבתו בחצר.** כלים וואס זענען געלעגן אין די חצר ווען ס'איז געווארן שבת, מעגן זיי ארומטראגן די כלים אין די חצר, און בכלל הנחשב אין חצר, אויך די ווינקלעך, וואטעוועור ס'איז נישט רשות היחיד אין די חצר, אלעס וואס האט די הלכה ווי די חצר, מעגן זיי ארומטראגן די כלים ששבתו בחצר. ווייל די איסור איז נאר טראגן פון רשות היחיד צו די חצר, אבער אין די חצר אליין, מ'טאר אויך נישט אריינטראגן אין די חצר אפילו אויב זיי האבן עס נישט געטראגן, אבער עפעס א כלי וואס באלאנגט צו א רשות היחיד אין די חצר. אבער די זאכן פון די חצר מעגן מיר טראגן אין די חצר. ווייל די גאנצע איסור איז דאך נאר געווען ווייל ס'איז אויסגעקוקט ווי

מ'טראגט פון רשות היחיד צו רשות הרבים, אבער אז מ'טראגט נאר אין די חצר אליין, איז נישט קיין פראבלעם.

**אנשי מרפסת ועלייה שעירבו לעצמן**

ווייטער, **אנשי מרפסת ועלייה**, אין די חצר איז געווען א צוויי-שטאקיגע הויז, און ס'איז געווען א פארטש אדער א שטאק, **ועירבו אנשי חצר לעצמן ואנשי מרפסת לעצמן.** אן אנדערע פאל, מ'האט נישט געמאכט קיין עירוב אויף די גאנצע רשות היחיד, אבער די צוויי מענטשן וואס וואוינען צוזאמען אויף די מרפסת אדער... אנשי חצר, אנשי מרפסת אויב זיי מאכן צוויי עירובין, איינס נאר פאר די מרפסת און די עליה, זיי האבן געמאכט אן עירוב, און די מענטשן אין די אנדערע מענטשן אין די חצר האבן געמאכט אן אנדערע עירוב.

## Speaker 2:

ניין, מ'מוזן געדענקען די פריערדיגע פרקים האבן מיר געלערנט ווען מ'מעג מאכן עקסטער עירובין, און אסור מרפסת איז דא א גאנצע חלוקה, מ'קען מאכן עקסטער עירובין.

## Speaker 1:

זאגט ער, נישט אזוי **אנשי מרפסות ואנשי עליה, מעגן מטלטלין זיין כלים ששבתו בבתיהם בכל המרפסות ובכל הנחשב עמה.** אלע כלים וואס זענען געווען אויף די מרפסות און אויף די געגנט וואס איז קאנסידערט א חלק פון די מרפסות, **או בכל רוחב העליה ובכל הנחשב עמה,** מעגן זיי טראגן, ווייל דאס הייסט איין רשות.

**ואנשי חצר מטלטלין בכל החצר ובכל הנחשב עמה.** זיי טארן נישט טראגן פון איינעם צום צווייטן, אבער יעדער איינער מעג טראגן וואו אין די מרפסת אדער אין די חצר.

דאס איז נישט די חידוש, די חידוש איז לכאורה די **בכל הנחשב עמה.** מיר גייען זען באלד וואס הייסט הלכות, וואס איז נחשב עמה, דאס איז דאך א חידוש.

**וכן אם היה יחיד דר בחצר ויחיד דר בעליה,** דאס הייסט אויב ס'איז נאר דא איין מענטש אין די חצר און איין מענטש אין די עליה, פאר זיך דארפן זיי נישט קיין עירוב. **ושכחו ולא עירבו,** איז זיי מעגן **מטלטלין בכל העליה ובכל הנחשב עמה,** און זיי מעגן **מטלטלין בכל החצר ובכל הנחשב עמה.** די זעלבע זאך.

**הלכה טז — סלע או תל שבחצר: דיני "הנחשב עמה"**

און יעצט גייט דער רמב"ם מסביר זיין מער די נחשב עמה, וויאזוי מ'איז מטלטל אין די חצר. **כיצד?** סתם אין די חצר איז דא א סלע, א שטיין, אדער א תל, א גריבל, **וכיוצא בו שבתוך החצר.** וויאזוי? **אם היו גבוהין עשרה טפחים, הרי אלו נחשבין בין החצר ובין המרפסת.**ביידע רעכענען עס ווי ס'איז איין רשות. יא, סיי די סלע און די תל באלאנגען סיי פאר די חצר און סיי פאר די מרפסת. ממילא, **שני האוסרין לא יביאו לשם כלים ששבתו בבתיהם.** און ביידע נישט טארן ברענגען אהין כלים וואס זענען געווען אין אנדערע פלעצער, זענען געווען אין די בתים. דאס הייסט, ס'איז עקסטער, ס'איז א דריטע רשות כביכול.

אבער פארקערט, בין החצר, ס'איז ווייניגער ווי עשרה טפחים, ס'איז דעמאלטס וואס? נישט קיין רשות לעצמו. ממילא, באלאנגט עס צו ביידע. ס'איז ווי ליגט די תל? אין די חצר. סא די תל געהערט צו ביידע, קיינער נישט... יא, ביידע טארן טראגן "כלים ששבתו בחצר", אבער ביידע טארן נישט "כלים ששבתו בבתים", ווייל דאס הייסט אזוי ווי א shared space און זיי האבן נישט געמאכט קיין עירוב צווישן זיך. דאס הייסט, "כלים ששבתו בחצר" מעגן זיי, אבער "כלים ששבתו בבתים" טארן זיי נישט. און דא זאגט ער, **"אסורים להוציא כלים ששבתו בבתים".**

פארשטיין?

**סלע גבוה עשרה סמוך למרפסת**

**ואם היה גבוה עשרה, ורובו נכנס למרפסת פחות מארבעה טפחים,** איז **הרי הוא נחשב עם המרפסת שרגלם שוה בה,** וואס איז הויך, ס'איז נעגטער צו די מרפסת, נישט נענטער, ס'איז נאר פחות מארבעה טפחים אוועק פון די מרפסת. ממילא, סיי ס'איז גבוה עשרה, ס'איז אזוי ווי א רשות לעצמו וואס איז נישט פארט פון די חצר, און סיי וועמען באלאנגט עס? ס'באלאנגט פאר די מרפסת, ווייל זיי קענען עס ניצן, ס'איז דא שוה בה. ממילא, **בני המרפסת מותרים,** זיי דארפן נישט קיין עירוב צווישן זיי און די סלע, וואטעווער ס'איז, פארוואס? ווייל ס'איז גערעכנט צו זיי, רעכט איז דאס א חלק פון די מרפסת, און די מענטשן פון די חצר טארן נישט טארן.

**ומרוחק מן המרפסת יותר מארבעה טפחים,** איז אפילו געווארן אסור, קוקט מען עס נישט אן ווי ס'איז נאר א חלק פון די מרפסת, נאר מ'קוקט אן ווי ס'איז נוגע צו ביידע, ווי **ס'איז ראוי לבני החצר ובני המרפסת. פארוואס? לפי ששניהם אפשר להם להשתמש בו מלמעלה בזריקה.** ביידע קענען ניצן די פלאץ דורך זריקה. אזוי זיי האבן שוין געלערנט די הלכות אין די פריערדיגע פרק, די בני המרפסת קענען, ס'איז דאך דא ארבעה טפחים געטרוקט, ס'איז נישט אז ס'איז ממש לעבן די מרפסת אז ס'איז גרינג צו ניצן, אבער זיי קענען עס ניצן דורך זריקה, זיי קענען ווארפן דערויף זאכן. און אזוי קענען אויך די בעלי החצר. זענען ביידע איוון, און דעריבער **"אסורים להוציא לשם כלי הבתים עד שיערבו".**

אה, גוט. יא.

**מצבה רחבה ארבעה טפחים לפני המרפסת**

**אותו מציבה.** נאך אזא מין מעשה. ס'איז דא אמאל דא א מציבה, **רחבה ארבעה טפחים, לפני המרפסת,** א סטעפ, יא, וואס איז א מצבה? א שטיקל שטיין. און ס'פירט פון חצר, און ס'ליגט נעבן א מרפסת. איז דעמאלטס קוקט מען אן ווי די שטיין טיילט אפ די מרפסת, דרוקט אזוי, ס'איז דא א ספעציעלע גרויסע זאך לעבן די מרפסת, ס'איז ווי א גדר, און דאס מאכט די מרפסת נישט א חלק פון די חצר. און פון דעם איינער פון די מרפסת **אוסר את בני החצר,** לאמיר זאגן דער מענטש פון די מרפסת האט נישט געמאכט אן עירוב, גייט ער נישט אוסר זיין אויף די בני החצר, ווייל **שוין נחלקו ממנו,** די מצבה רחבה ארבעה טפחים מאכט אז די מרפסת זאל זיין אן עקסטערע רשות פאר זיך.

## Speaker 2:

פארוואס ווערט עס א רשות פאר זיך? פארוואס איז ארבעה טפחים גענוג?

## Speaker 1:

ניין, ניין, דאס איז א מצבה, דאס איז א סימן אזוי. ווי די פוינט איז אז יעצט זענען זיי אינגאנצן נאר פאר זיך, זיי האבן גארנישט מיט די חצר. סא די חידוש איז נישט אז זיי קענען נישט טראגן אין די חצר, דאס האבן זיי נישט געקענט פארדעם אויך נישט. די חידוש איז אויך נישט אז זיי אסר'ן נישט. זיי אסר'ן נישט פריער אויך נישט. וואס זיי האבן געאסר'ט פריער איז די דברים שבתוך החצר, די טעל גובה די אסורים וואס איז פארענט פון די מרפסת, דאס איז ביידע געווען אין איין זריקה. יעצט אז מ'האט געמאכט די מצבה, זאגן זיי, אונז האבן מיר נישט מיט די חצר גארנישט. די מצבה ווייזט אז די טעל האט נישט מיט אים. ווייל צווישן די מרפסת און די סלע איז דא א מצבה, ער גייט נישט אריבער ווארפן זאכן. רייט, דאס איז א סימן, איך וועל נישט. ס'איז פאקטיש נישט מעגליך, נאר דאס איז דא א סימן, ממילא איז ער אפגעטיילט. ממילא מאכט עס אז די סלע באלאנגט נישט פאר אים, נאר ס'באלאנגט פאר די חצר. און ממילא די חצר מעגן יא טראגן צו די סלע, אבער די מרפסת נישט, ווייל ס'איז אין די אנדערע חצר.

**הלכה יז — זיזין היוצאין מן הכותלים**

נאך פון די זיזין המקדישין איז אזוי, **זיזין היוצאין מן הכותלים.** די משנה זאגט, א זיז איז א שטעקט זיך ארויס א שטיין אדער א ברעט פון די וואנט, מ'קען דערויף האלטן זאכן אדער וואס. איז אזוי, **כל שהוא למטה מעשרה טפחים, הרי הוא נחשב כחצר, ובני חצר משתמשין בו,** דאס הייסט ס'איז א חלק פון די חצר. **וכל שהוא בתוך עשרה טפחים העליונים הסמוכים**

**לעליה**, אבער אין די העכערע צען טפחים נאנט צו די צווייטע שטאק, דעמאלטס קוקט מען אן ווי ס'איז א חלק פון די עליה, פון די שטאק. דעמאלטס טארן נישט די בני חצר ניצן, נאר **אנשי עליה משתמשין בו. והנשאר בין עשרה תחתונים אתחלת עשרה עליונים אין זה וזה יוצאים שם**, דאס איז צווישן די אויבערשטע צען טפחים און די נידריגע צען טפחים, **שניהם אסורים בו.** פארוואס? ווייל דאס באלאנגט כביכול, דאס איז א פלאץ וואוביידע קענען ניצן, אזוי ווי די אלכסונות. ווייל דאס איז באקוועם וואו ביידע קענען עס ניצן, אזוי ווי ביי די סולם וואס ביידע ניצן, אזוי ווי די זריקה, הייסט עס איז א shared space, און זיי האבן נישט געמאכט קיין עירוב, **שניהם אסורים בו. ואם משתמשין בו בכלים של שניהם ביחד, אין להם עירוב.**

#### הלכה יח – בור שבחצר

זייער גוט. וואס טוט זיך אזא פאל, ס'איז דא א בור אין די חצר? זייער גוט, ס'וועדט זיך וואס ס'איז דא אין די בור. איז אזוי, אויב ס'איז געווען אין די בור זאכן וואס ער קען נישט אוועקנעמען, נימא **היה מלא פירות טבל.** די בור איז פול מיט פירות פון טבל, טבולים, ווי די לשון הרמב"ם איז טבל. פירות טבל, מען זאגט נישט פירות טבל, מען זאגט אזא זאך? פירות טבל, מען זאגט נישט אזא זאך. טבל מיינט מען געוועגליך פירות טבל. ער האט געמאכט א עירוב בטבל, מיינט מען איין עפל. טבל איז א קאטעגאריע. אזוי ווי וועו מען זאגט מעשר, אבער פירות טבל, איך ווייס נישט צו ס'איז דא אזא הגדרה. בקיצור, ס'איז נישט וויכטיג. פירות טבולים, פירות וואס זענען טבל, **שאסור לטלטלן בשבת וכיוצא בהן.** א בור, אמאל האט מען פלעגט מען האלטן פירות אין א בור עס צו האלטן קאלט. איז אזוי, אויב ליגט דארט פירות וואס זענען אסור לטלטלן בשבת וכיוצא בהן, איז קוקן מיר עס אן ווי די בור איז געווארן פול מיט עפעס וואס בלייבט דארט, ווייל מען טאר עס נישט אוועקנעמען שבת. **הרי הוא וחללו, כסולם התלוי בחצר.**

און וואס וועט זיין די הלכה? **אם היה גבוה עשרה, אוסר, ואם לאו, אינו אוסר. הרי הוא נחשב מחיצה.** ווייל מיר קוקן אן ווי די טבל וואס פילט אן די בור, איז אזוי ווי די בור וואלט געווארן אנגעפילט מיט עפעס א סאליד זאך, אדער וואס, ווייל ער קען עס נישט אוועקנעמען דעם שבת. אבער אויב דער בור איז געווארן א סורא... אה, בור מיט די חוליות, די אזא וואנט ארום. יא. אקעי. אבער אויב **ס'איז מלא מים**, דעמאלטס קענען עס דאך ניצן. ממילא גייט מען צוריק צו די פריערדיגע דין, אז א זאך וואס ביידע קענען, הייסט עס ווי ביידע ניצן.

#### באר מלאה מים

**Speaker 1:** אבער אם היתה מלאה מים, אבער אויב די באר איז געווען אנגעפילט מיט וואסער, אה, באר מיתר חוליותיה, די אזא וואנט ארום. יא. אקעי. אבער אויב ס'איז מלא מים, דעמאלטס קענען עס דאך נוצן. רייט. ממילא, גייט מען צוריק צו די פריערדיגע דין פון א זאך וואס ביידע קענען, הייסט עס ווי ביידע נוצן, אין **מניחין ולא מערבין, מכניסין מעני לבתים עד שיערבו.**

רייט. איי, פארוואס זאל מען נישט זאגן אז אויב ס'איז נאנט צו די מרפסת אדער צו די עליה, זאלן זיי עס קענען נוצן, אזוי ווי מיר האבן געלערנט די הלכה פאר א סלע? דאס מיינט עס, אדער ס'איז אנדערש פון א סלע?

ער ברענגט אז ס'איז אנדערש פון א סלע, ווייל, אז ער ברענגט פון די גמרא, אז א סלע, אויב ס'איז צען טפחים, נוצט עס די עכערע. ביי א באר, עס מאכט זיך זייער אפט אז די וואסער גייט אראפ, ממילא איז ווייטער שווער פאר ביידע. ממילא, ביי א באר פון וואסער העלפט נישט דאס וואס ס'איז צען טפחים און ס'איז נענטער צו די מרפסת, נאר ביידע טארן עס נישט נוצן.

#### דיון: פירות vs. תבואה — וואס איז מתלתלת בשבת?

**Speaker 2:** איך וואלט געקענט בעצם מאכן די חילוק בין הבית, אויב ס'איז געווען מלא פירות, נישט תבואה, קוקן מיר עס נישט אן ווי ס'איז א פולע זאך, ווייל מ'קען עס אוועקנעמען שבת, אזוי ווי די וואסער ווייל מ'נעמט עס אוועק שבת. אה, פארוואס איז דאס נישט געזאגט?

**Speaker 1:** אה, ביי די זאג איך, ווייל דעמאלטס וואלט געווען דער דין, לכאורה, אויב ס'איז סתם א זאך וואס איז נישט וואסער, גייט מען צוריק צו די פריערדיגע דין פון א סלע. ביידע נוצן עס? ווענדט זיך, אויב ס'איז נענטער צו די עליה, דארפן זיי עס מעגן.

וואסער איז דא א נייע גזירה, א דריטע הלכה בעצם, אז וואסער, אפילו ס'איז יא נענטער צו איינס, קענען זיי עס נישט נוצן, ווייל וואסער טוישט זיך. ניין, ווייל וואסער אסאך מאל טוישט זיך, עס גייט אראפ די וואסער אינמיטן שבת, אדער ס'מאכט זיך אסאך אז עס גייט אראפ די וואסער, און דעמאלטס, אפילו אויב ס'איז נענטער צו די עליה, וועט זיין שווערער פאר זיי צו נעמען, ממילא ביידע איז בקושי, הייסט עס שניהם משתמשים בקושי. רייט.

**Speaker 2:** אהא. סאו דו ביסט גערעכט אז די צווישנדיגע פאל שטייט נישט דא, אבער לכאורה ביי די צווישנדיגע פאל גייט זיין די הלכה אזוויו די נארמאלע סלע, אז ס'ווענדט זיך ווי נאנט ס'איז. אויב ס'איז נאנט צו מרפסין, זענען נאר די מרפסין. מילא, שטיין קיין מים איז עפעס מיוחד, ווייל ביידע דארפן מים, און מים ווערט אמאל טרוקן. סאו מים איז א זאך וואס איז... ווארט, ווערט נאך א הלכה.

אבער די פריערדיגע דין איז אויך אזוי, אפילו ווען ס'איז מלא תבואה איז דאס די הלכה. ס'איז דאך נישט קיין חילוק. סאו די פשט פון מתלתלת בשבת איז נישט אנדערש. אפשר די חידוש איז... וואס איז... אה, אפשר יא? ניין. אה, ניין, ניין, סארי, איך דריי א קאפ.

**Speaker 1:** יעדע זאך וואס איז מתלתלת בשבת איז זיין די זעלבע זאך אזוויו מים, ווייל ס'קען זיך טוישן אינמיטן שבת, סאו ס'קען בלייבן נישט קיין צען טפחים. פארשטייסט?

אה, סאו וואס דו פרעגסט איז א ביסל אינטערעסאנט, וויאזוי ער האט געקענט בלייבן מיט די זעלבע סטארי און זאגן אויב ס'איז געווען פירות נישט תבואה. ניין, מיין איך איז די זעלבע לכאורה ווי... פארקערט נישט ווי איך האב געזאגט. מיין איך איז לכאורה די זעלבע ווי עני זאך וואס איז מתלתלת, ווייל אזוויו ס'איז נאך געווען פרי, ס'איז נישט סטעיבל, סאו קען דאך זיין אז ס'גייט זיך טוישן, ס'גייט ווערן נידעריגער, ס'גייט ווערן ווייטער, וכדומה.

סאו ער וויל דא זאגן א חידוש, אז אפילו ס'איז פירות תבואה, קוקט מען עס אן ווי ס'וואלט געווען פול מיט שטיינער אדער וואס, ווייל מען קען עס נישט טוישן. זייער גוט. עניטינג וואס טוישט זיך איז א פראבלעם.

---

#### שתי חצרות זו לפנים מזו

**Speaker 1:** אקעי, יעצט גייען מיר לערנען וועגן צוויי חצירות, אחת לפנים מזו, איינס אינסייד די צווייטע. דארף מען וויסן, פארשטייט זיך, אז זיי דארפן מאכן אן עירוב, אזוווי מיר האבן געלערנט פריער, אויב זיי ווילן טראגן. אבער וואס אויב נאר איינער פון זיי האט געמאכט אן עירוב, וואס איז די הלכה? ווועמען אסר'ט עס?

איז אזוי, **שתי חצירות זו לפנים מזו**, און ס'קומט אויס אז דער וואס וואוינט אין די מיטלסטע, די טיפערע, דארף אדורך וואקן כדי אנצוקומען צו זיין הויז, אדער ארויסצוגיין אינדרויסן דארף ער אדורך וואקן די אנדערע. **ואנשי הפנימית יוצאין ונכנסין ועוברין על החיצונה.** דאך די חיצונה דארפן קיינמאל נישט אריינגיין אין די אנדערע חצר, ווייל ער קען דאך גיין פון זיין חצר ארויסגיין, ער איז שוין אין זיין הויז. אבער דער פנימי דארף אדורך גיין.

##### ערבו הפנימים ולא ערבו החיצונים

איז אזוי, **ערבו הפנימים ולא ערבו החיצונים**, דאס הייסט אז נאר די אינעווייניגסטע האבן געמאכט אן עירוב, דער בעל הפנימי וועט מעגן טראגן אין זיין חצר, ער מעג גיין אין זיין חצר, ער מעג טראגן פון זיין הויז צו זיין חצר. אבער **החיצונה אסורה**, דער חצר החיצונה איז אסור, ווייל אויף דער חיצונה איז דא צוויי שותפים, ווייל ער וואקט דאך דורך.

**ערבו החיצונים ולא ערבו הפנימים**

פארקערט, אויב **ערבו החיצונים ולא ערבו הפנימים**, דעמאלטס **שתיהן אסורות**. פארוואס? **הפנימית, בני שלא ערבו**, ווייל זיי האבן נישט געמאכט קיין עירוב. אבער אויך די חיצונה וועט נישט טויגן. פארוואס? **בני ערבו שלא ערבו שעוברין עליהן**, ווייל ס'איז דא איינער וואס ער וואוינט כאילו אין זיין חצר, ווייל ער גייט אדורך דארט, און ער האט נישט קיין עירוב מיט אים. סאו ס'טויגט נישט עירוב החיצונים אליין אן מזכה צו זיין דעם אנדערן מיט דעם עירוב.

**ערבו זו לעצמה וזו לעצמה**

**ערבו זו לעצמה וזו לעצמה**, איז **זו מותרת בפני עצמה וזו מותרת בפני עצמה, אבער אין מטלטלין מזו לזו**. דאס הייסט, פארוואס? ווייל אויב דער פנימי האט יא געמאכט אן עירוב, הגם אז ער גייט אדורך אין די חיצונה, זעט אויס אז מיט דעם וואס ער האט געמאכט אן עירוב האט ער זיך אפגעזונדערט, ער האט געזאגט אז ביי מיר דא אינעווייניג איז א חצר פאר זיך, און דארט איז א חצר פאר זיך. סאו יעדער עקסטער מעג טראגן, אבער מ'טאר נישט מטלטל זיין מזו לזו.

**דער כלל: רגל המותרת במקומה אינה אוסרת שלא במקומה**

אבער זיין טרעטן, דער פנימי ווען ער טרעט אין די חיצונה, אויף וואס מאכט ער עס נישט אסור? ווייל דא וועט מען זען דעם כלל. פארוואס העלפט זיין מאכן אן עירוב ביי זיך? יא, ס'העלפט, ווייל דאס טיילט אים אפ. די רגע וואס ער איז מותר ביי זיך אליין, ער האט זיין אייגענע חצר, הייסט עס כאילו ער דרייט זיך שוין נישט אין יענעמ'ס חצר. דאס איז דער כלל פון **"רגל המותרת במקומה אינה אוסרת שלא במקומה"**, דאס גייט עס איוספירן דעם כלל.

אקעי, זייער גוט.

**שכח אחד מבני החיצונה לא עירב**

**שכח אחד מבני החיצונה לא עירב**, איינער פון די דרויסנדיגע האט נישט געמאכט קיין עירוב, און די פנימית האט יא געמאכט, איז **א פנימית בהיתרה עומדת**. הגם אז זיי דארפן... יא, די פנימית איז נישט קיין פראבלעם. אבער פארקערט, ס'איז בהיתרה עומדת, און ער גייט אויך מעגן טראגן צו די חצונה? ניין, ער טאר נישט טראגן צו די חצונה בכלל, אין קיין איינע פון די קעיסעס.

**Speaker 2:** וואס הייסט א פנימית בהיתרה עומדת? וואס וואלט געווען די הוה אמינא?

**Speaker 1:** גענוג פאר די נעקסטע הוה אמינא. אקעי, לאמיר זען. **"אבל אם עירבו בני הפנימית ולא עירבו בני החיצונה, בני החיצונה אסורים, מפני מה? על בני הפנימית שעלו להם העירוב."** ווייל די פנימי וואקט דאך דורך די חצונה, און ממילא יעדע מאל ער וואקט דורך איז ער מבטל די עירוב אזוי ווי, ווייל ער איז דער מענטש וואס מ'האט אויף אים נישט געמאכט קיין עירוב, און ער האט נישט קיין עירוב ביי זיך אינדערהיים. די רגע וואס ער האט נישט קיין עירוב ביי זיך אינדערהיים אסר'ט ער אויך אינדרויסן.

און ממילא, אויב נאר איינער פון די פנימית האט פארגעסן צו מאכן אן עירוב, קומט אויס אז קיינער טאר נישט טראגן אין ערגעץ נישט, אין קיינע פון די צוויי חצרות.

די פנימית פארסאלט נישט קיין עירוב, און די חצונה, הגם זיי האבן זייער אייגענע עירוב, אבער זיי קענען יעצט נישט מאכן זייער אייגענע. זיי קענען נאר מאכן זייער אייגענע עירוב ווען די פנימית האט זיין אייגענע עירוב. געוואלדיג.

---

**עשו שתיהן עירוב אחד**

**הניחוהו בחיצונה**

וואס טוט זיך אזוי, **"עשו שתיהן עירוב אחד"**? וואס איז ווען זיי מאכן די זעלבע עירוב? די פנימית און די חצונה האבן געמאכט איין עירוב. איז עס ווענדט זיך וואו מ'האט געלייגט די עירוב.

**"אם הניחוהו בחיצונה, ושכח אחד מהן ולא עירב"**, יא, טאמער לייגן זיי די עירוב אינדרויסן פון די הויז, און איינער פון די, נישט קיין חילוק וועלכע, **בין מבני החיצונה בין מבני הפנימית**, האבן פארגעסן צו מאכן אן עירוב, **"שתיהן אסורות עד שיבטל"**. דארף דער מענטש וואס האט נישט געמאכט די עירוב דארף מבטל זיין זיין רשות. שרייבט רבי עובדיה מברטנורא, מיר האבן שוין געלערנט אז דא איז א זאך ווי מבטל זיין מחצר לחצר, מ'קען מבטל זיין די רשות פון איין חצר.

די פוינט איז, וואס איז די פראבלעם דא? טאמער איינער פון די חצונה האט פארגעסן צו מאכן די עירוב, איז דאך פשוט, רייט? אז ס'איז אסור פאר יעדן. טאמער איינער פון די פנימית האט פארגעסן, איז ווייטער, וויבאלד זיין עירוב איז אינדרויסן, און ער דארף אנקומען דארט טאקע צו מאכן זיין עירוב, קענסטו נישט זאגן אז ביי אים אינדערהיים איז דא א כשר'ע עירוב, ווייל ס'איז נישט דא, זיין עירוב ליגט דארט. סאו מ'קען נישט רעכענען די עירוב נאר פאר די פנימית, ווייל ס'מוז זיך אנקומען צו די חיצונית טאקע צו גיין צו די עירוב. קומט אויס אז בײדע זענען אסור. איז דא אן עצה פון ביטול, אקעי.

**הניחוהו בפנימית**

אבער **מניחין עירוב בפנימית**, די ביידע האבן געלייגט זייער עירוב אינעווייניג, דעמאלטס איז דא איין אופן וואס ס'שטערט נישט. און דעמאלטס ווענדט זיך ווער האט פארגעסן.

אויב **שכח אחד מן החיצונה**, קומט אויס אז וואס? די חיצונה האט טאקע נישט קיין עירוב, אבער **די פנימית האט יא אן עירוב**, ווייל זיי האבן נישט פארגעסן, און זייער עירוב ליגט דארט, **פנימית מותרת במקומה**.

אבער אויב **שכח אחד מן הפנימית ולא עירב**, און ער דארף ווייטער אנקומען צו די דרויסנדיגע, סארי, און ביי אים איז נישטא קיין עירוב, ווייל ער האט נישט געמאכט קיין עירוב, ער האט נישט געמאכט קיין עירוב, ער איז נישט דא. יעצט ליגט יא ביי אים די עירוב, און ביי אים איז נישטא קיין עירוב, ווייל ער האט פארגעסן.

וואס איז מיט די חיצונה? ווייטער, די חיצונה דארף גיין, די חיצונה האט נישט קיין עירוב. באופן כללי, ווען די פנימית האט נישט קיין עירוב, האט נישט די חיצונה אויך נישט קיין עירוב. דאס איז די כלל גדול בתורה. **ס'איז נישטא אזא זאך אז די חיצונה האט אן עירוב און די פנימית האט נישט.** ס'איז דא א זאך אז די פנימית האט און די חיצונה האט נישט, אבער ס'איז נישטא אזא זאך אז די חיצונה האט און די פנימית האט נישט, וויבאלד ער גייט אדורך דארט, און רגלי אסורה במקומה אוסרת לך במקומה.

---

**דר בה אחד בחצר זו ואחד בחצר זו**

טאמער ס'איז נאר דא אין די צוויי חצרות איין מענטש אין איטש, צוויי קליינע חצרות, **ודר בה אחד בחצר זו ואחד בחצר זו, אינן צריכין לערב.** פארוואס? **אלא כל אחד ואחד מטלטל בחצירו.**

פארוואס דארף עס זיין נישט? פארוואס? הגם אז ער גייט אדורך איינער דעם אנדערן? ניין, מ'רעדט נישט ווען ס'איז איינער פנימית און איינער חיצונה. אוודאי איז פנימית. יא יא, מ'רעדט יא אזוי. סאו פארוואס דארף מען נישט? מ'זעט אז איין מענטש שטערט נישט.

**Speaker 2:** איך ווייס נישט. ס'איז מיר פריער יא געווען אז איין מענטש שטערט. לענגסט פריער, ווען פנימית און חיצונה האט מען יא גערעדט וועגן איינער שטערט. רייט, סאו פארוואס איז—

**Speaker 1:** אהא, דער תירוץ איז אז ער איז זלה"ע, זלה"ע, ער טאר טאקע נישט ארויסטראגן, לענינא דינא ער טאר נישט ארויסטראגן. דאס איז דער פשט. אז יעדער איינער אין זיין חצר, וויבאלד אז דער יחיד אינעווייניג

מעג, ווייל ער האט דאך נאר איין מענטש, איז ער דאך מותר אין רשות היחיד.

**שלוש חצירות הפתוחות זו לזו**

**Speaker 1:** לענגסט פריער, ווען פנימית וחיצונה האבן מיר יא גערעדט וועגן איינעם שטערט.

רייט, סאו פארוואס איז... סאו פארוואס האב איך בייז? אה, דער תירוץ איז אז ס'איז א גזירה אטו גזירה. ער טאר טאקע נישט ארויסטראגן, על כל פנים, ער טאר נישט ארויסטראגן. דאס איז די פשט. אז יעדער איינער אין זיין חצר אסור. נישט שייך, וויבאלד אז דער יחיד אינעווייניג מעג, ווייל ער האט דאך נאר איין מענטש, איז ער דאך מותר במקומו, און ווען ער גייט ארויס שטערט ער נישט.

אה, אין די חצר דארף מען נישט קיין עירוב, ווייל ס'איז נאר דא איין מענטש. אהא.

**דין גוי בפנימית וחיצונה**

און וואס א גוי... דו וואלסט אויך געדארפט זאגן אז ער דארף נישט קיין עירוב, איך מיין ער איז א גוי, און ער איז אויך נאר איינער אין די חצר. אבער אפילו יחיד או אפילו רבים, בחיצונה עד שיערבו וישכרו מקודם. פארוואס? לכאורה ווייל דער גוי איז די גזירה אז א מענטש זאל נישט וואוינען אליין מיט א גוי. א גוי וואס וואוינט אין א חצר, אפילו אין א פנימית וחיצונה, איז נאך ווייטער די זעלבע זאך, מ'קען זיך לערנען פון דעם גוי, איין איד און איין גוי. ממילא איז דער גוי כרבים, ממילא דער גוי אסר'ט אויף אויף די חיצונה, און זיי דארפן מאכן שכירות רשות פון דעם גוי.

וואס איז אויב ס'איז נישט צוויי חצירות נאר דריי? יא? **שלוש חצירות הפתוחות זו לזו, ורבים בכל חצר מהן**, און אין יעדער איינס פון זיי איז דא מער ווי איין הויז. אזוי, **ערבו שתיהן החיצונות עם האמצעית**, די צוויי דרויסנדיגע האבן געמאכט אן עירוב מיט די מיטלסטע, איז **הן מותרות עמה**, די מיטלסטע מעגן גיין צו די חיצונות, **והיא מותרת עמהן**, און זיי זאלן אויך מעגן גיין צו די אמצעית. אבער **שתי החיצונות אסורות זו בזו עד שיעשו שלשתן עירוב**. דאס איז פשוט לכאורה, אמת? ווייל די חיצונה פון די זייט האט נישט געמאכט קיין עירוב מיט די עקסטרעם חיצונה פון די אנדערע זייט, ער האט נאר געמאכט מיט די מיטלסטע. אבער די חידוש איז אז זיי אסר'ן נישט אויף אים. א גאנצע צייט וואס ביידע טרעפן זיך אינדערמיטן, אבער ס'שטערט נישט אז די עירוב פון די צוויי זייטן איטש זאל בלייבן אן עירוב.

**יחיד בכל חצר**

אבער אויב **היו רבים בכל חצר מהן**, אויב יעדע איינע פון די דריי חצרות האבן נאר איין הויז, רייט, נאר איין מענטש, אפילו די מיטלסטע ניצט מען אבער דורכצוטרעטן, רייט, אבער **איינס צריכים לערוב**, דארף מען נישט קיין עירוב, ווייל איין מענטש דארף נישט קיין עירוב. ממילא, הגם אז ער גייט אדורך א פלאץ וואס קומט אויס אז דא זענען צוויי מענטשן, שטערט נישט.

אבער, אויב זענען צוויי אין די אינעווייניגסטע, **הואיל ואסורה במקומה עד שיערבו**, זענען זיי אסור אין זייער פלאץ ביז זיי מאכן אן עירוב, זענען זיי אסור אין די מיטלסטע און אין די דרויסנדיגע ביז זיי מאכן אן עירוב מיט די צוויי פון די אינעווייניגסטע.

**כלל: רגל האסורה במקומה**

זע א כלל, אה, יעצט גייט ער מסביר זיין די כלל. **רגל האסורה במקומה**, א פוס וואס וואקט דורך, אבער וואס אין זיין אייגענע חצר האט ער נישט געמאכט קיין עירוב, **איז אסורה במקומה**, אין זיין חצר האט ער נישט געמעגט ארויסטראגן פון די בתים, **איז אוסרת שלא במקומה**, ווען ער האט א רשות דריסה אין די דרויסנדיגע, אסר'ט ער עס, ווייל... יא.

אבער **רגל המותרת במקומה**, אויב א... יא, ער האט זיך אויסגעטיילט, דארט איז זיין פלאץ און דארט איז זיין פלאץ, ער ווערט נישט צעמישט מיט יענעם. ס'איז נישט קיין מורא'דיגע סברא, אבער דאס איז די כלל. אקעי, עד כאן איז די סיטואציע.

**שתי גזוזטראות זו על גב זו — שעפן וואסער פון א בור**

יעצט גייט מען לערנען נאך אפאר אינטערעסאנטע פעלער וואס מ'דארף וויסן צו זיי הייסן צוויי בתים אדער צוויי חצרות וואס דארפן אן עירוב. יא. איז אזוי, דא גייט מען רעדן ווען... וויאזוי די הייזער אין די חצר קענען שעפן וואסער פון א בור מים. דאס איז דאך א פראבלעם, ווייל צו שעפן וואסער דארף מען האבן אן עירוב. גייט מען יעצט רעדן אופנים וויאזוי מ'מעג יא אדער נישט מעגן אן אן עירוב.

איז אזוי, **שתי גזוזטראות, זו למעלה מזו, שתי גזוזטראות, זו למעלה מזו**, אונטן איז דא א באר וואס יעדע הויז טרייט צו שעפן פון דעם באר.

איז אזוי, מ'האט שוין געלערנט די הלכה פריער אין הלכות שבת בעצם, אז כדי צו קענען ארויסהייבן, אז דו שעפסט פון דעם באר וואס איז אין דיין רשות היחיד, מאכט מען א מחיצה פון אויבן פון צען טפחים, ס'זאל נישט אויסקוקן ווי דו שעפסט פון אן אנדערע רשות.

איז אפילו אויב זיי האבן געמאכט יעדער איינער א מחיצה גבוה עשרה טפחים, וואס דאס איז א היתר לגבי די הוצאה, בלייבט נאך אלץ א שאלה פון עירוב אויב ס'איז דא צוויי, ווייל ווען דו שעפסט דיין וואסער גייסטו דאך דארט דורכטראגן דורך די אנדערע מענטש'ס מחיצה וואס ער האט געמאכט.

**ווען זיי זענען בתוך עשרה טפחים**

איז אזוי, **אם היו שתיהן גזוזטראות זו על גב זו עשרה טפחים**, דאס הייסט, ס'איז דא עשרה טפחים פון "איטש אדער", **איז א ראיה לאסורן למלאות עד שיערבו שתיהן כאחד**, און מ'איז שוין **גזוזטרא אחת**. מ'קוקט עס אן אזויווי איין גזוזטרא, וואס ס'ווערט אזויווי א חצר, און ווען צוויי מענטשן טרייען צו טראגן פון זייער רשות היחיד דורך א רשות משותף, דארפן זיי אן עירוב.

אבער **אם היו ביניהן יותר מעשרה טפחים**, איז **כל אחת לעצמה, שתיהן מותרות למלאות**, ווייל אונז קוקן עס נישט אן ווי דו גייסט אריין אין יענעם'ס רשות. ס'איז עקסטערע רשויות.

**לא עשה העליון מחיצה ועשה התחתון**

אבער אויב **לא עשה העליון מחיצה ועשה התחתון**, נאר די אונטערשטע האט געמאכט א מחיצה, דעמאלטס די אויבערשטע טאר נישט טראגן ווייל ער האט נישט קיין מחיצה, אבער די אונטערשטע טאר אויך נישט טראגן יעצט. **אף התחתון אסור למלאות, מפני שהעליון נאסר עליו**, ס'איז ווייטער די דין פון די דריסת הרגל, וואס אסורה במקומה. סאו די דריסת הרגל האט ער דאך, נאר ער האט נישט קיין עירוב, ממילא ווערסטו מעורב מיט אים, דארפסטו מאכן אן עירוב מיט אים.

אבער פארקערט, איז ווייטער מותר. **עשה העליון מחיצה ולא עשה התחתון**, ער האט א מחיצה און ער האט זיך זיין עירוב, **אף העליון מותר למלאות**, ווייל נאר די תחתון האט די דריסת הרגל אישו אז מ'גייט דורך זיין רשות.

**שותפים במחיצה**

וואס טוט זיך אויב אונטן שטייט צווישן די תחתון און די עליון א מחיצה וואס ער האט געמאכט? אויב זיי האבן ביידע געמאכט די זעלבע מחיצה, זיי האבן צוזאמען געבויעט א מחיצה וואס זאל דורכלויפן צווישן די ביידע הייזער? ווייל זיי האבן זיך משתתף געווען, זיי האבן געצאלט געלט? יא, זיי האבן עס צוזאמען געבויעט. און ס'איז ווייטער, אפילו ס'איז נישט קיין צען טפחים, דאס איז דער חידוש. "אלא שאין מסירין למעלה עד שיערבו ערב אחר", ווייל דא גייען זיי יא אריין אין די שותף'דיגע פלאץ.

**Speaker 2:** כ'וויל נאר פארשטיין, פריער האבן מיר געזאגט אז אויב ס'איז צען טפחים ווערן זיי איינס, כצינור אחד. און דא זעסטו אז אפילו זיי זענען נישט, דאס הייסט, זיי האבן געמאכט נאר איין מחיצה, אבער ביידע האבן געצאלט דערפאר. דאס הייסט, ס'איז נישט קיין שותף'דיגע פלאץ, נאר

די עליונים. ס'רעדט זיך פון די עליונים. די עליונה האט געמאכט א מחיצה. לכאורה די עליונה וואלט געווען, נאר די תחתונים וואלט געווען אסור, פארוואס? ווייל דארט איז דא צוויי מענטשן, רייט? אבער דאס העלפט נישט, פארוואס? ווייל זיי זענען שותפים אין די מחיצה. אז זיי זענען שותפים אין די מחיצה, האבן זיי זיך יא כלא דריסת רגל פארקערט, ער קען גיין אויבן, נאר נישט ווי די מחיצה איז אונטן. די מחיצה איז אונטן. לגבי די היתר פון די מחיצה, ס'איז נישט קיין חלוקה ווי די מחיצה איז, ס'דארף נאר זיין צען טפחים. סאו וויבאלד ס'באלאנגט אויך פאר זיי, דארפן זיי עירוב מיט די אנדערע שטאק.

**Speaker 1:** אקעי.

#### שלש דיאטות זו למעלה מזו

וואס טוט זיך אויב ס'איז דא דריי? **שלש דיוטות זו למעלה מזו.** וואס טוט זיך אויב ס'איז דריי שטאק? ס'איז דא דריי אזעלכע, ס'איז א הויז פון דריי שטאק, און אלע שעפן וואסער פון אונטן. אדער לאו דווקא וואסער, די זעלבע שאלה. אקעי. **שלש דיוטות זו למעלה מזו,** און די מצב איז אזוי: **העליונה והתחתונה של אחד,** די אויבערשטע און די אונטערשטע באלאנגט צו איין מענטש, און אינמיטן וואוינט אן אנדערער מענטש. איז **לא ישלשל מן העליונה לתחתונה,** טאר נישט דער מענטש משלשל זיין פון זיין אויבערשטע רשות צו זיין אונטערשטע רשות **דרך אמצעות,** ווייל ער טראגט טאקע פון זיין רשות צו זיין רשות, אבער ער גייט דורך א דריטע רשות. **שאין משלשלין מרשות לרשות דרך רשות.** אבער **משלשלין מן העליונה לתחתונה שלא דרך אמצעות,** אויב ער האט א וועג, דאס הייסט, ס'מוז זיין א פארטש, די אונטערשטע האט א פארטש אדער עפעס אזוי. אן דורכגיין דעם מיטלסטן מענטש'ס רשות.

**Speaker 2:** קענסט אפשר ארייגלייגן די פיקטשער?

**Speaker 1:** אה, איך פארשטיי וואס דו מיינסט. זייער גוט.

#### שתי דיאטות זו כנגד זו — אויסגיסן וואסער

וואס טוט זיך שטייט די גמרא, **זו כנגד זו?** א נייע מעשה. **וחצר אחת תחתונה ששוכניין בתוכה חמש,** זיי האבן שוין געלערנט אין די נושא פון מען קען אויסגיסן וואסער אמאל. איז אוכעט **לא ישפכו לתוכה עד שיערבו שתים עירוב אחד,** וויילביידע גיסן וואסער אין די זעלבע פלאץ, רייט? ס'איז א הלכה ווי מען מעג גיסן וואסער, דארף מען קוקן אין הלכות שבת. זיי ווילן נוצן א שטח משותף צו אויסגיסן דארטן וואסער, טאר מען עס נישט טון.

#### עוקה — איינער האט און איינער נישט

יעצט, טאמער זיי האבן געלערנט אז דא איז פארהאן אז מען דארף מאכן א עוקה אויב ס'גייט גלייך אין רשות הרבים, אז ס'זאל נישט אויסקוקן ווי מען גיסט אויס אין רשות הרבים. איז **עשה מקצתה עוקה בחצר לשפוך בה מים, ומקצתה לא עשה,** און דער מענטש וואס האט נישט געמאכט ווייל אריינגיסן אין יענעם'ס עוקה, טאר ער נישט. איז **אלו שבעוקה שופכין לתוך העוקה שלהן, ואלו שלא עשו לא ישפכו לחצר עד שיערבו,** ווייל ער וויל נוצן נאך א רשות, ווייל ער איז עובר אויף די תקנה. דער וואס האט יא א עוקה, נאר ער מעג, ווייל יענער טוט נישט גארנישט זיינס, רייט? אבער דער אנדערער טאר נישט, ווייל מ'דארף מאכן א עירוב. פארוואס? ווייל יעצט איז דא די צווייטע מענטשן אין די חצר, ער מעג אפילו נישט אריינגיסן נישט אין די עוקה, רייט? שטימט? ווייל ס'איז ווייטער א ערבוביא וואס איז אסור.

אבער טאמער ביידע האבן א עוקה, גייט יעדער אין זיין עוקה, און זיי זענען בכלל נישט צעמישט, און ממילא דארפן זיי נישט קיין עירוב.

שטימט? עד כאן פרק ד'.